STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09493

# PIDYON HA-SHEM

Leo Finkelstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָ פינקלשטיין

# פדיון-השם

פאַרלאַג:
גרשון פּאָמעראַנץ עסיי ביבליאָטעק ■ טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

לעאָ פינקלשטיין
פדיון־השם
(עסיי)
אלול תש״ח — סעפּטעמבער 1948
הונדערט און אַכט זייטן

געדרוקט אין דער
פּאָמער פּאַבלישינג און פּרינטינג קאָ.
גרשון פּאָמעראַנץ, אייגנטימער
206 ספּעדיינע עוועניו ★ טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
36

איך בין נישט אינגאַנצן איבערגעזען צי ס'וואָרט „גלגול" באַצייכנט גענוי ס'נייע בלאַט, וואָס איז במשך פון די לעצטע אַכט יאָר אין אייראָפּע געעפנט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. בעצם באַטייט דאָך „גלגול" אַ געוויסע איבערפאָרמירונג, אַ איבערגעשטאַלטונג אין דעם אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון אַן אידייע אָדער באַוועגונג, אין וועלכער דער גרונט־פאָדעם בלייבט דערזעלביקער. דער גלגול פון אַ ניגון מעקט נאָכנישט אָפּ זיינע גענעטישע גרונט־טענער. און אוודאי קאָן זיך גאָר אימיצן אויסדוכטן, אַז „גלגול" איז נישט אַדעקוואַט צו אונזער צעשויבערטער צייט, שוין צוליב דעם, וואָס דאָ רעדט זיך דאָך וועגן אַ מבול־תקופה, וואָס האָט געזאָלט קומען אויף דער וועלט, און האָט קודם־כל — אויב נישט בעיקר — אונז פאַרשלונגען. אייראָפּע איז טאַקע „פול מיט פאַרדאַרבונג", אָבער אַנשטאָט דער „קץ כל בשר" איז דאָרט דערגאַנגען צו קץ כל ישראל. און איצט, נאָכדעם ווי דער בלוט־מבול האָט זיך איינגעשטילט און די אויסגעפּעכטע תיבה שיילט זיך צוביסלעך אויס פון די פאַרוויכערטע טרעבלינקע־נעפּלען, ברענגט אונדז די דאָרטיקע יידישע ליטעראַטור־טויב אַ גאָר פרישן איילבירט־בלאַט.

אמת, עס קאָן זיך אַזוי טאַקע אויסדוכטן. מ'טאָר אָבער דערביי נישט פאַרגעסן, אַז די רעשטלעך אָפּגעראַטעוועטע אין דער תיבה, זענען פונדעסטוועגן על־פּי־רוב די, וואָס האָבן דאָרט איינגעשטיגן פאַרן מבול; אין זייער מחשבה לעבט נאָך אַלץ ס'פאַרמבולדיקע וועלט־בילד. זיי זענען דעריבער נישט קיין נייער דור, נאָר אַ באַנייטער. די איבערלעבונגען בעתן מבול און די פאַרוויסטע ערד, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן נאָכן מבול (אָפּגערעדט פון די, וואָס זענען אומגעקומען און אונדז איבערגעלאָזט זייערע ווערק), האָט זיי פּסיכיש איבערגעאַנדערשט און אַריינגעוואָרפן אין אַ נייעם בראשית־גלגול. ביי דעם אַלעם שלימערט אין זיי נאָך דער אָפּקלאַנג פון דער פאַרלוירענער וועלט, אין וועלכער זיי זענען געווען פאַרוואָרצלט און זייערע איצטיקע ווערק זענען משמעות נישט פריי פון זייער פאַרמבולדיקע שאַפונגס־עלעמענטן. ס'דאַרף דעריבער זיין אַ רייד וועגן אַ גאָר נייעם גלגול פון דער יידישער ליטעראַטור אין אייראָפּע.

זאָל אָבער די באַצייכענונג „גלגול" ווידער נישט פאַרפירן דעם „צווייטן" צד, וואָס קאָן מיינען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ געוויינלעכער נייער ריכטונג אין אונדזער ליטעראַטור, אַזוי זיך, ווי אַ שטייגער יעדע נייע ריכטונג און שול מיט וועלכע ס'איז רייך די אַלגעמיינע ליטעראַטור־געשיכטע. די געשרי־

בענע און אומגעשריבענע געשיכטע פון יעדער ליטעראַטור ווייסט אַוודאַי צו דערציילן וועגן באַשטימטע פעריאָדישע אָפּ־ וועקסלונגען, וואָס טרעטן רעגלמעסיק אריין אין איר אַלגע־ מיינעם אַנטוויקלונגס־גאַנג. צומערסטן זענען עס דרויסנדיקע און אינווייניקסטע סיבות, באַדינגונגען און אומשטענדען, וואָס זענען גורם בולטע שטריכן־ענדערונגען אין פּרצוף־פּנים פון דער ליטעראַטור. ס'אַנטשטייען אַזוי אַרום נייע קינסטלערישע און אידייאישע ריכטונגען, נייער תוכן, נייער אויסבליק, נייע פאָרם־באַווערטונגען, נייע ווערסיפיקאַציע־רעגלען, נייע ריטם־ פלוסן און ממילא נייע שטרעמונגען און שולעס.

אָבער אָט־די אַלע ליטעראַטור־שטרעמונגען זענען אין בעסטן פאַל בלויז דיפערענצירטע פאָרם־אויסדרוקן פון איין און די זעלביקע פסיכישע צושטאַנדען. בדרך כלל זענען זיי רע־ גולערע אָפּוועקסלונגען פון מיסטיק אויף ראַציאָנאַליזם, פון ראָמאַנטיזם אויף רעאַליזם. אַלע ליטעראַרישע שולעס, ווי פאַרשיידען זיי זאָלן צווישן זיך נישט זיין, ברענגען אַרויס גע־ שטאַלטן, וואָס זענען — אָפּגעזען פון זייער לעבנסצייט און סאָ־ ציאַלער לאַגע — מיט זיך צונויפגעבונדן דורך אַ בלאַנדזשנדיקן נערוו, וועלכער איז אין תוך אַן אידייאישער און עמאָציאָנעלער צד השווה שבהם.

וואָרים ס'ווייזט אויס צו זיין קלאָר, אַז דער ביז איצטיקער ספּיראַלער גאַנג פון די כלערליי ריכטונגען און שולעס אין דער וועלט ליטעראַטור — ווי שרייעריש זייערע פּראָגראַם־ פּראָקלאַמירונגען זאָלן נישט זיין — באַווייזט, אַז דער פּסיכאָ־ לאָגישער און אידייאישער קערן פון די קלאַסישע קרעאַציעס אין פאַרשידענע עפּאָכעס איז אומעטום דער זעלביקער. זייער דראַמאַטישע עקספּאַנסיע איז רק אַ וואַריאַנטן־געווירבל פון איין און דעמזעלביקן וועלטגעפיל.

גרינטלעך אַנדערש איז די תקופה, אין וועלכער ס'איז גע־ בוירן געוואָרן אונדזער מבולדיקע ליטעראַטור אין אייראָפּע און ממילא איז אויך איר גלגול אַן אַבסאָלוט־אַנדערער. אין דער לאַנגער געשיכטע פון אַלטן פאָלק ישראל איז אַזאַ פּרעצעדענס לגמרי נישטאָ און דעריבער האָט זיך דאָ צום ערשטן מאָל אָפּ דער אַזוי גערופענער בלאָנדזשנדיקער נערוו. נישטאָ קיין שום רעמיניסצענצן, נישט די קרייצצוגן, נישט גירוש ספרד, נישט גזרת ת"ח ות"ט און אפילו נישט דער ערשטער און צווייטער ח ו ר ב ן  ה ב י ת. ס'איז אַראָפּ אַ מבול, וואָס האָט אָפּגעשווענקט אַלע ביז איצ־ טיקע עטישע באַגריפן און איינגעוואָרצלטע מידות פון מענטש־ לעכן צוזאַמענלעבן. ס'איז דעם ייד אין אייראָפּע פשוט אָפּגע־

זאָגט געוואָרן ס׳רעכט אויף לעבן, באַוועגן זיך און אָטעמען. אָט־דער נאַקעטער אמת האָט דעם ייד געמאַכט נאָך נאַקעטער און געוועקט ביי אים אורשפּרינגלעכע וועלט־שפּירונגען. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערזען מדברדיק פאַרלאָזן און פיינלעך עלנט. ווי אין דער מזרח־לעגענדע הענגט ער אויף אַ שטרוי צווישן אויבערפלאַך און אָפּגרונט. פון אויבן שטייט אַ צערייצ־טער וואָלף, פון אונטן ליגט אַ קראָקאָדיל.

אָבער אויך נאָכן מבול, ווען די הימלען האָבן זיך שוין כלומרשט אויסגעלייטערט, איז ס׳יידישע געמיט ווייטער גע־בליבן מבולדיק. אַמאָל האָט דער בורא געשוואוירן און גע־חתמט מיט אַ פייערדיקן רעגנבויגן, אַז ער וועט שוין מער נישט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט. אונדזער דור איז אַן עדות, אַז כביכול האָט בנוגע אונדז, יידן, נישט געהאַלטן וואָרט און דערצו ווייזט ער אונדז אויך איצט נישט קיין שום רעגנ־בויגן־סימן, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער מבול...

דאָס נייע בלאַט פון אונדזער ליטעראַטור אין אייראָפּע — אינעם ציקל פון אַכט יאָר — האָט בדרך כלל פינף גרונט־פאַזן: א) ערב חורבן, ווען מען האָט אַנגסטלעך פאַרויסגעשפּירט דעם טויט; ב) בעתן חורבן, ווען ס׳גאַנצע יידישע לעבן איז אַרומגע־כאַפּט פון גיהנום־פלאַמען און געטאָ־אויפשטאַנד; ג) פּאַרטיזאַ־נער־גבורה, ווען מ׳האָט אין קאַמף געזוכט קאָמפּענסאַציע פאַר דער ברענענדיקער באַליידיקונג; ד) שארית הפליטה, ווען די וואָגלדיקע יידישע שרייבער אין ענגלאַנד, שווייץ, איטאַליע, ראַטן־פאַרבאַנד, ארץ־ישראל א. אנד. האָבן פונדערווייטנס מיט־געוויטיקט; 5) נאָכן חורבן, ווען ס׳שלאָפּגעטראַנק פון די ניצול געוואָרענע ווערט אויסגעוועפּט, די וואונדן צעעפנען זיך און מ׳הייבט זיך אָן אַרומקוקן אין אומגליק.

✶

די ערשטע בליצן פון אונדזער ערב־חורבן־ליטעראַטור האָבן זיך אַדורכגעשלאָגן צווישן געדיכט־פינצטערע וואָלקנס, אין וועלכע ס׳יידישע מאַסן־לעבן איז איינגעהילט געוואָרן באַלד נאָכדעם ווי מזרח־און מערב־אייראָפּע איז באַטרעטן געוואָרן דורך די נאַציסטישע האָרדעס. איז ס׳דעמאָלטדיקע יידיש ליד אַוודאַי נישט געזונגען געוואָרן פון אַ „פויגל אויף דער פריי״. די חבלי לידה פון אָט־דעם ליד זענען געווען אָרגאַניש פאַר־בונדן מיט דער שטומער פאַראַנונג פון די אינגיכן פאָרשטיי־ענדיקע חבלי מיתה. ס׳האָט זיך אויסגעפּיקט אַ שאָטנהאַפּ־טיק־מעטערלינקישע אַטמאָספער פון קאָלעקטיווער טויט־

אַנונג און ציבורדיקער טויט־שפּירונג. מ׳האָט באַלאַנסירט צווישן געצוימטן לעבנסווילן און עקבערדיקער טויט־שרעק. די שטימונג־געדריקטקייט האָט צומאָל אָנגעשלאָגן אָן בעצם־דיק־פילאָזאָפישע מאָטיוון; ס׳איז אַ פילאָזאָפיע, וואָס קומט נישט פון קיין ספרים, נאָר פון פּאַקטישע לעבנס־אומשטענדען, וועלכע האָבן דעם מענטש אַוועקגעשטעלט פנים־אל־פנים מיט נאַקעטע פראַגעס, צווישן אַנדערע, וועגן פאָלקס־קיום, לעבנס־תכלית און גאָט־וויזיע, וואָס איז נישט איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קראַפּטלאָזע גאָטלעסטערונג. און ווי אויף להכעיס איז עס, לויט דער אַלגעמיינער איינשטעלונג, עפּעס אַ גלגול פון דער אַמאָליקער מעטערלינקישער טויט־שטימונג. אומאויפהערלעך נאָכגעשפּירט, געיאָגט ווי אַ חיה און טייל־מאָל אָפּגעראַטעוועט אויף דערווייל פון שונאס נעגל, מחמת אַ בלינדן צופאַל, דערזעט זיך דער געטאָ־ייד ווי אַ שפּילכל אין רשות פון בלינדע און קאַפּריזנע כוחות, וועלכע טרייבן מיט אים אַ גרויליקן וועלט־שפּאַס. דער עצם פון די פאַרבאָר־גענע וועלט־כוחות פאַרבלייבט פאַרן מענטשן אַ סוד. אָבער איינס ווערט אים קלאָר, אַז די זעלביקע כוחות זענען לגבי אים פיינטלעך, רויבן ביי אים אַוועק יעדן שמייכל און יעדע האָפ־נונג אויף אַ ביסל גליקזעליקייט. ס׳אייביקע טויט־רעטעניש ווערט מגלגול אין אַ לעבנסרעטעניש. און די שפּורן פון סים־באָלישן „טענטאַזשעלס טויט״ שטייגט אויף די רעאַליסטישע „מיסטעריע״ פון ישראלס טויט. צאַפּלדיקע טויט־פאַרויסשפּי־רונגען; דער מענטש קראַמפּט זיך אין זיינע גסיסה־פאַרגעפילן. דער בליק איז אָן איבעררייס געווענדט אין דער ריכטונג פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האַלט זיך אין איין דערנענטערן.

אַלע חושים אַרבעטן הילפלאָז אין דער ריכטונג פון אויס־מיידן דעם אומזיניקן גזר־דין, וואָס איז צוגעמשפּט געוואָרן דורך אומזעבאַרע וואַנזין־כוחות. ווען מען שאַדט עס מיין לעבן און ווען מען נוצט מיין טויט? — אין אָט־דער גרויל־נעָץ זענען געשפּענסטהאַפּטיק פאַרשטריקט די ביטערע מעת־לעתן אין די פאַרמדברטע יידישע שטיבן, וואו מ׳וואַרט בציבור אויפן גאַסט, אויפן מלאך המות. דערציילט ישעיהו שפּיגל, אין זיין „מלכות געטאָ״, ווי אַזוי טאַטע־מאַמע זענען געשוואָלענע אויסגעגאַנגען און פאַרן טויט „מורמלט״ עפּעס דער טאַטע כאָרכלדיקע גסיסה־רייד וועגן נקמה:

„די פּאָר יידן, די שכנים, וואָס זענען געשטאַנען ביי זיין בעט, האָבן געוויינט אָן אַלט יידיש געוויין אין זייערע הענט אַריין און סענדער אַליין איז געשטאַנען דעמאָלט אינמיטן פון דאָזיקן געוויין און זיך צעהעשעט פון דער דאָזיקער געליימ־

טער מאַכטלאָזיקייט פון אַ פאָלק. נאָך דער גרויסער אויסזיד־לונג איז די שרעק געזעסן אין יעדער יידישער שטוב, און מען האָט געוואָרט אויפן גורל".

**אין געטאָ איז תמיד נאַכט. ווי זעט דאָרט אויס די נאַכט פון דער נאַכט?**

„די נעכט אין געטאָ זענען אַנדערש ווי אין דרויסן, דאָרטן איבער די דראָטן, ווי שוואַרצע פייגל, וואָס טראָגן הינטער זייערע פליגל אימהדיקע בשורות, גיבן זיי זיך אַ לאָז אַראָפּ פּלוצים איבער די הילצערנע דעכער און בלייבן הענגען איבער די פענצטער. מען זעט נישט אפילו די זון, ווען זי גייט אונ־טער, ווי ס'לעשט זיך ביסלעכווייז אויס דער הימל. דער טאָג ווערט נעלם הינטער די דראָטענע צוימען, און אין געטאָ אומ־רו וואַרפט זיך אַריין די נאַכט מיט אַ שוואַרצן מלאך־המות־מאַנטל בהלדיק און בייז".

**ס'רוב אויסגעמאַטערטע האָבן שוין פון לאַנג געגעבן דעם טויט אַן אַוואַנס, זיי געהערן מער „יענער וועלט"; דאָ דערליי־דיקן זיי נאָר די סאַמע לעצטע חשבונות און שלייכן זיך עפּעס, ווי נישט „היגע", פאַרשעמטע, הלמאי זיי דולן נאָך מיט זיך דער וועלט אַ קאָפּ. ס'אומענדלעכע אומגליק און די געליימטע הילפלאָזיקייט איז אַזוי מבזה ס'פּינטעלע מענטש, אַז מען שעמט זיך נישט נאָר פאַר דער וועלט, פאַר די גוישע שכנים, פאַרן אייגן ווייב און קינד, נאָר אפילו פאַר זיך אַליין. ס'איז דעריבער נישטאָ קיין כוח אַרויסצוברענגען אַ וואָרט פון די לעפצן. מ'זיצט שבעה נאָך זיך אַליין, וואָכן און חדשים שווייגט מען אַריין אין דער אייגענער טיפעניש; פּונקט ווי איוב האָט מיט זיינע רייד נישט געוואָלט פאַרשוועכן זיין ווייטיק, אַזוי באַמיט זיך דער געטאָ־ייד מיט זיין שווייגן באַנעמען די אַרומיקע צע־טומלעניש און שכלדיק פאַרדייען גאָטס קרומע וועגן. ווי זעט אויס אַ טאַטע פון אַ געטאָ־שטוב?**

„אַ קראַנקער, מיט אַ שטענדיק פייכט הוסטעלע און ווייכע פאַרלאָפענע אייגעלעך, ווי פון טרערן, זיצט ער, דער טאַטע, אין שטוב מיט די קינדער, אַ גאַנצן טאָג, איינגעהילט אין טלית און תפילין. ער הייבט אָן דאַווענען באַלד נאָך גליקעס אַוועק־גיין און לייגט אָפּ די תפילין ערשט קעגן אָוונט. די קינדער האָבן מורא פאַרן טאַטן. די לעצטע טעג שטייט ער אָפּ אַזוי שעהן נעבן דער וואַנט און איינגעוויקלט אין טלית און תפילין און רירט זיך נישט פון אָרט. עס דוכט זיך זיי אויס, אַז דער טאַטע לעבט שוין לאַנג נישט, אַז ער האָט אין מיטן דאַווענען אויסגעהויכט די נשמה און ער שטייט אַזוי מיטן פּנים צו דער וואַנט אַ פאַרגליווערטער, אַ קאַלטער, אַ בר־מינן... און אַז ער

דרייט זיך פלוצים אויס מיטן פּנים אין שטוב אַריין נאָך אַ סך שעהן פאַרגליווערטן שווייגן — דערזען זיי, די קינדער, ווי דעם טאַטנס פּנים איז אינגאַנצן ווייס ווי שניי, די אויגן — איינגעטונקט אין טרערן... ער זעצט זיך אַוועק אין סאַמע ווינקל אַן איינגעהילטער אין טלית און תפילין און וואַרט ביז די מאַמע וועט עפענען די טיר. און לעבן אים, צופיסנס, ליגן אברהמעלע און פערעלע, ביידע צעשראָקענע און פאַרלוירענע...״

(„מלכות געטאָ״)

אין פּנימיותדיקן אַריינטראַכטן זוכט מען אַן ענטפער, אַ באַשייד פאַר דער אַכזריותדיקער וועלט־צעפאָרעניש. אַ קנויל ספקות פלעכטן זיך מיט אַ דורותדיק איינגעוואָרצלטן גלויבן און קאָנען זיך עפּעס נישט אויספלעכטן. ס׳וויל זיך נישט פאַרלירן אַ וועלט, וואָס טאַטעס, זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געטריי אויסגעוואַרעמט און זי מיט מסירת־נפש געטראָגן איבער ימים צרות. און אַוודאַי וויל זיך נישט טרייבן אַ בלינד לעבן, און דערצו אַ בלוטיק־געפּלאָגט לעבן, אָן העכערער השגחה און אָן פירערשאַפט. איז עס ווירקלעך בלויז אַ קאַפּריז־שפּיל פון פאַרבאָרגענע כוחות? איז מען באמת אַזוי עלנט אויף דער וועלט? איז טאַקע לית דין ולית דיין? נישט איינמאָל בעת אַזעלכע נאָגנדיקע טראַכטענישן, ווען מען זיצט איינגעפּרעסט אין די טונקעלע שטיבער און בונקערס, צעוויינט זיך פלוצים אַ קינד און צערייסט דעם טריב־צאַרטן מחשבות־געוועב. זאָל דאָס קינדער־געוויין זיין אַן ענטפער אויף דעם אַלעם?

אויף דער מחשבה קומט ווידער די מעטערלינק־ספערע און דערהויפּט די סצענע פון די „בלינדע״, בעת וועלכער עס ווערט געפירט אַזאַ שמועס:

— איך קאָן נישט דערגיין, צי עס איז פאַראַן איבער אונדז אַ הימל, צי ניין... די שטימעס קלינגען אַזוי ווי מיר וואָלטן זיצן אין אַ הייל.

— און איך מיין, אַז עס איז דערפאַר, וואָס איצט איז אָוונט. איך פיל די לבנה־שיין...

— ס׳לייכטן שטערן, איך הער זיי...

— מ׳דאַרף זיך דערוויסן, וואו זענען מיר?

— דאָס קאָן מען זיך נישט דערוויסן.

פלוצים צעוויינט זיך אַ קינד און מ׳פּרואוווט דורכן פּיצל וועזן דערגיין דעם סוד, דעם אייביקן סוד...

יאָ, ווען אין מזרח־אייראָפּע איז שוין געווען אין פּולן גאַנג דער פּראָצעס פון ברוטאַלן „אַנטמענטשן", דאָס הייסט, אַוועק־נעמעןביים ייִד די עלעמענטאַרע מענטשלעכע חשיבות, איז נאָך אויפן מערב פאַראַן אַ קוואַזי גלייכקייט אָדער גלייכגילט לגבי ייִדן. מ׳שטויסט זיך נאָכנישט אָן אויף רויער חיהשקייט, מ׳פילט אָבער בחוש, אַז דאָס איז נאָר אַ גסיסה־פּויזע; מ׳שפּירט מיט פחד, אַז דער בלוטיקער געוויטער וועט אָניאָגן פּלוצים.

אין אַ גאָר לייכטן טאָן געפלאָכטן מיט בלאַסלעכן הומאָר פּרוּווט זיינוול דיאַמאַנט אין זיין נאָוועלעס־זאַמלונג „אונטערן האַקנקרייץ" צו צייכענען די אָקופּאַציע־צייט אין פראַנקרייך, דערהויפּט אויפן ייִדישן אַפּשניט. ער דערציילט ווי אַזוי מ׳אַר־בעט ביי די דייטשן, ווי אַזוי רבנים זאַמלען זיך צונויף אין אַ האָטעל, פונוואַנען זיי אַליאַרמירן זייערע קרובים און פריינט אין אַמעריקע, אַז מ׳זאָל זיי אַרויסנעמען פון דער אומרואיקער אייראָפּע און שפּעטער ווי אַזוי מ׳גרייט דעם „רעזיסטאַנס". אין אָט־די נאָוועלן שלאָגט זיך אָפּ אַ נישט צופיל צערודערטע שטי־מונג. על פּי רוב זעט מען דאָ נישט קיין ספּעציעלע געדרוטקייט צוליב דער געשאַפּענער לאַגע. להיפּוך צום פּיבערדיקן פּוילן כאַפּט מען דאָ נאָך צוביסלעך איבער דעם אָטעם.

די אויסנווייניקסטע „רואיקייט" שאָטנט זיך אויף אַן אומ־זעבאַרן הינטערגרונט, וואו ס׳וואָיען שוין די שדים און עס וועט זיך אָט־אָט אויסשיילן די צורה פון רוצח־פאַרזעעניש.

דער דיכטער־קדוש ביינעש זילבערשטיין, וואָס איז פאַר־פייניקט געוואָרן אין אָשוויץ, אין יאָר 1942, שפּאַנט פלאָטער־דיק אַ יאָר פאַר זיין מאַרטירער־טויט איבער די אַנטווערפּענער גאַסן. ער זעט ווי די וועלט ליגט אַ צעשטאָכענע, און אַז דעם דיכטערס ווייטערדיק זינגען לידער האָט שוין פאַרלוירן יעדן זינען. נישט גערעכט איז ר׳ נחמן בראַצלאַווער מיט זיין גלייבן, אַז די וועלט האָט אַ האַרץ. אין דער אמתן איז די וועלט האַרצלאָז. נאָר אויב זי האָט אפשר יאָ אַ האַרץ, איז איצט בכלל נישטאָ אַזאַ געזאַנג, וואָס זאָל זיין מסוגל עס העל צעצינדן. מ׳דאַרף פּשוט פאַרברענען אַלע אותיות.

און טאָמער פאַרקערט?... צו־וואָס ברענען די טייערע אותיות, גילדענע אותיות, וועלכע זענען פאַר דיר מיט תמימות און חן אַנטפּלעקט געוואָרן אין חדר. אפשר גאָר אויף קאַטאָ־ווּעס אַ לאָז טאָן די הייליקע אותיות אין אַ שאַפונגס־קאַרוזעל, טאָמער וועט פון זיי אַרויסקומען אַ ניי געזאַנג.

כ׳האָב היינט אַליין פאַרברענט די אותיות פון מיין ליד,
און נאָכדעם רואיק אַנגערויכערט כ׳האָב מיין לולקע;

פאַרטראַכט זיך פּלוצים מיט אַן אומעטיק געמיט, —
איז וואָס, ווען ווידער מיטן וואָרט כ׳וועל זיך אַ שפּיל טאָן ?

נישטאָ אַזאַ געזאַנג, וואָס זאָל דאָס האַרץ פון וועלט
נאָך ווען עס איז אַ טרייסל־טאָן און העל צעצינדן;
פון האַרץ טריפט בלוט, טריפט סם, טריפט טויט, —
און דאָך עס פעלט מיט וואָס די בייזע וואונד פון גוסס
צו פאַרבונדן.

**דער דיכטער איז אין קלעם; ער קאָן פון זיך נישט אַרויס־באַקומען קיין ווערטער פון שנאה און אויך נישט קיין ווערטער פון ליבע, ווייל ער לעבט אין אַ פּסיכישן הין־הער־פּלעט. עס מאַטערט אים די כסדרדיקע פראַגע: „וואוהין?״**

כ׳האָב נישט פאַר דיר קיין האַס, כ׳האָב נישט פאַר דיר
קיין לויב,
און נישט פון טרויער, נישט פון ליכטיקייט קיין בשורה —
איך זע דיך וועלט, זיך וואַלגערן, אין גרויען שטויב —
אַן אויסגעמאָרעט קראַנקע הינטישע פגירה.

דעם ווילדן אורמענטש, יאָ, אַ שבח אים זאָגן כ׳מעג, —
ס׳האָט נישט געהאַרט אים פון די חיה די יסורים? —
פון אורמענטש ביז צו אונדז איז נאָך געווען אַ וועג, —
וואוהין, ווער ווייס וואוהין ס׳וועט אונדזער וועג אונדז פירן?

**אַ גרויסער טייל פון דער וועלט איז איינגעפאַלן, אַרום און אַרום איז פינצטער, אַלץ איז אַן האָפענונג און אַן טרייסט. אַן איינציק ליכטיק שפּעלטעלע איז פאַראַן — דאָס ווייטע און ברייטע רוסלאַנד, וואו מענטשן געניסן דערווייל פון גילדענעם שלום.**

עס שלאָגט זיך וואָרט מיט וואָרט און שווערד אַנטקעגן
שווערד,
און געלט און נאַפט און אייזן — שנאה קעגן שנאה;
צעשטאָכן ליגט די ערד, — בלויז אויף אַ זעקסטל ערד,
איז פרייד אין אַלע שטעט, איז פרייד אין פעלדער גרינע...

**איז דער ערב־חורבן־צאַפּל ביי זילבערשטיין אַ פּלוצימדיקע עקספּרעסיע, וואָס קומט אומגעריכט ווי אַ ביס פון אַ שלאַנג. ווייל בסך־הכל מיט עלף טעג צוריק (דאַטירט דעם 26־טן פעב־**

רואַר, 1941) „חנדלט״ ער זיך נאָך גאַליק מיט „תליה־פרייד״, אין זיין ליד „ווייסער צוויט״:

ווער ס׳זיצט ביי טייכן אבלדיק געבויגן
און ס׳טרערן האַרבסטיק זיינע מידע אויגן, —
איך זיץ ביי וואַסערן, וואָס פריידיק קוועלן,
אין זון־אויפגאַנג, אין מאָרגן אינעם העלן.

און אפשר איז אין יענעם טאָג זיין ליד נישט גאַליק, נאָר יעדעס וואָרט איז טאָקע דורכגעזאַפּט מיט גלויביקן ערנסט? טאָמער וויל ער באמת נישט באַלאַנגען צו די אבלים, וואָס טרויערן נאָך אַ פאַרלוירענער וועלט, ווייל ער און נאָר ער האָט דעם אויסבליק פון אַ העלן מאָרגן. ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעשריגן, און אַוודאַי נישט אויסגעזונגען; זיין וואָרט איז נאָכנישט אויסגעקילט און זיין אימפעט נאָכנישט אויסגעלאָשן:

ווער ס׳האָט זיין האַרץ אין אומרו אויסגעזונגען,
זיין אימפעט — אויסגעלאָשן, קאַלטע פונקען;
מיין וואָרט אַלץ הייסער ווערט און אַנגעגליטער,
ווי האַרטער שטאָל, אין פייער אויסגעשמידטן.

אומעטום ברעכט זיך אַלץ, אַלע ווערן צעפּרעסן פון אומ־גליק און צווייפל, בלויז ער אַליין איז „האָפּערדיק״, מחמת ער האָט די ליכטיקע וויזיע פון מאָרגנדיקן טאָג און דאָס גיט אים ווייניקסטנס אַן אילוזיע פון גליק:

און גליקלעך בין איך, וואָס איך וויים וואוהין צו וועלן,
און מיינע פיס צעבלוטיקטע שפּרייזן איבער שטיינער;
איז וויים — דורך הונגער און דורך אימה און דורך גרוילן,
אַז קומען מוז די שעה פון הערלעכער באַלוינונג!...

דאָס איז געזאָגט אָדער געזונגען געוואָרן אין אַ צייט, ווען די בעסטיע האָט טריאומפירט, און אַרום אונדז האָט זיך אַלץ געהילט אין בלינדע אויסזיכטלאָזיקייט. גראָד דעמאָלט איז דער דיכטער „גליקלעך״, וואָס ער ווייסט „וואוהין צו וועלן״. און ס׳איז זיך לייכט משער צו זיין, אַז דאָס קניפּט זיך ביי אים מיט דעם „זעקסטל ערד״, וואו ס׳איז פאַראַן „פרייד אין אַלע שטעט״... דאָס איז געווען דריי חדשים איידער ס׳„זעקסטל ערד״ איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין וועלט־פייער.
אויך איבער די פאַריזער גאַסן שפּאַנט נישט ווייניקער צע־

פּאַכּעט דער דיכטער משה שולשטיין, וועקער פון געזעלשאַפט־לעכער אַקטיוויקייט און אומגעבראָכענער קעמפּערישקייט. אויך ער איז איבערגעפילט מיט שרעק־געשפּאַנקייט; ער זעט, ווי אַלץ ווערט געדריקט פון פרייסישן שטיוול, פילט, אַז דער חורבן גענענט צו אונדז, און פונדעסטוועגן זענען זיינע פערזן לופטיקע, אָן דער באַזונדערע מרה־שחורה־אַנגעלאָדנקייט. ער שפּילט זיך מיט די מאַטע שטראַלן פון די פּאַריזער האַרבסט־טעג אין יאָר 1940. אָבער ער זעט עפּעס די נאַטור דורך דער פּריזמע פון יידישן אומעט. דער זיידע מענדעלע האָט באַ־קליידט די נאַטור יידישלעך מיטן בית המדרש־רעקוויזיט, זיין אור־אייניקל, משה שולשטיין, הילט איין די נאַטור אין דער שפּאָגל „מאָדערנסטער" יידישער הלבשה — אין געטאָ־רעק־וויזיט; דער טלית־קטן ווערט אַרויסגעשטויסן דורך דער געלער לאַטע:

ווי אַ יידישער בגד איז דער הימל היינט,
אומעטיק און קויטיק — ווי אַ שמאַטע,
און די זון — נישט זי לייכט און נישט זי שיינט —
איז צוגעקלעפּט אויף אים, ווי אַ געלע לאַטע.

קען זיין, דאָס האָט זי זיך, די זון, אַליין
היינט מאַט און טונקל געמאַכט בכיוון,
ווייל שווער אַזוי איז איר צו זען איר שיין
שפּיגלען זיך אין גלאַנץ פון די פרעמדע שטיוול...

אָן אַנדערש מאָל זאָגט ער וועגן שטאָלץ, מיט וועלכן ער טראָגט די געלע לאַטע:

ווייל אויף מיין גוף, געוואָרפן ווי אַן אומחן —
די געלע לאַטע זאָגט עס יעדן אויס
כ'האָב זי אין לאַץ פאַרשפּיליעט צו מיין שמחה
און וועל זי טראָגן ווי אַן אויפגעמאַכטע רויז.

ווייטער אַסאָציאירט זיך ביי אים די געלע האַרבסט־בלע־טער מיט דער געלער לאַטע:

געלער האַרבסט...
עס פאַלן געלע בלעטער...
און די געלע לאַטע פאַלט...
און אויך —
איך קום איצט וועגן פאַל פון זייער פאַל צו מעלדן.

די געלע בלעטער פאַלן פון דיביימער און פוילן; עס קעמט דער קערער מיט אַ טאַטשקע און פאַרקלייבט זיי אין מיסט. אויך די געלע לאַטע וועט קומען אויף דעם קערערס הענט...

שולשטיין איז אַן אַקטיווע נאַטור און פילט, אַז עס איז איצט נישט די צייט פון זינגען, נאָר אַ צייט פון קאַמף. ווי לאַנג איז דער שיעור צו צערטלען זיך מיט דעם אייגענעם טרויער? ווי אינטים זיין ליד זאָל אים נישט זיין, איז ער אָבער איבערגעזען, אַז איצט איז געקומען אַ צייט צו שיידן זיך מיטן אייגענעם געזאַנג. בייניש זילבערשטיין וויל פאַרברע־נען די אותיות, משה שולשטיין וויל אויף דערווייל אין זיך אונטערדריקן ס׳געזאַנג און דינען דער פאָן פון קאַמף. ער זינגט צו דער פאָן:

ס׳געזעגענען זיך מיט דער פען מיינע פינגער
ס׳געזעגנט זיך ס׳ליד מיטן האַרץ פונעם זינגער,
עס גייט שוין, דאָס האַרץ דיך דערגרייכן,
ס׳וויל בלייבן פאַרשפּיליעט אויף דיר און געהערן
צו דיר, ווי ס׳געהערן צום הימל די שטערן, —
פון ליבשאַפט און ווייטיק אַ צייכן.

און האָב איך ווען ס׳איז דיך באַפלעקט, און נישט גערן,
איצט אָפּוואַשן זאָלן דעם פלעק מיינע טרערן, —
ווי ריין ס׳זענען טרערן און הייליק!
איך גיב דיר מיין אָטעם דעם לעצטן צושטייער —
ווען דו וועסט אַוועק איבער וועלט, איבער פרייער
זאָל זיין אין דיין פאַכען מיין חלק.

אָט־די בלוט שבועה שטעקט אַן מיט איר אויפריכטיקייט. און ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז שולשטיין איז נישט נאָר געווען א נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקים...

אָבער נישט גלייך זענען די כוחות אינעם קאַמף. די מסירת־נפש פון די איידעלע קעמפער ווערט ברוטאַל צעטראָטן דורך דעם נאַציסטישן שטיוול. די צעפלאַמטע קעמפער לאָזן זיך אַראָפּ אין אונטערערד און צוזאַמען מיט זיי נידערט אַראָפּ די צעפליקטע פאָן, אַרום וועלכער זיי טוליען זיך מיט איבער־געגעבנקייט. מיט אַ געשטיקטן אָטעם זאַמלט מען אין די היילן נייע כוחות צום קומענדיקן ענדגילטיקן קאַמף:

אונדזער פאַן איז היינט צעפליקט,
איר אַטעם־הויך זיך ווערגט און שטיקט —
פלאַטערט מער נישט אויבן,
נאָר עס איז איר יעדע צויט
אַ העלער שטראַל פון מאָרגנרויט,
וואָס שלאָגט אין אַלע שויבן.

---

וואו דער חושך איז געדיכט,
דאָרט שליידערט זי מיט ליכט,
פון דער טיף דערוויילק,
ווייל צעפליקט — איז יעדע צויט
אַ נר־תמידיקע קנויט,
וואָס איז העל און הייליק.

★

טראָגן מיר זיך צוריק איבער קיין פוילן, דעם „קלאַסישן" לאַנד פון דייטשישע תליות און גאַז־אויוונס. דאָרט איז ס'אומגליק אַריינגעטרעטן באַלד מיטן ערשטן חודש פון מלחמה־אויסברוך. פריער האָט דאָרט גערוישט אַ קוואַליק יידיש לעבן, זענען דעריבער תיכף קאַנטיק די ערשטע פאַרוויסטונג־עטאַפּן, ווייל די גיפטיקע דייטשישע פיילן, געצילט אין געדיכטעניש פון יידישן מאַסן־לעבן האָבן תמיד געטראָפן. דאָס גרויסע קאָלעקטיוו יידיש שטייגער־לעבן איז כהרף־עין פּאַראַליזירט געוואָרן. מ'האָט שוין שווער געזיפצט אונטער דעם נאַציסטישן יאָך. די יידישע וועלט האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעקערט. אויף יעדן טריט רדיפות, נגישות, שמיץ, קלעפּ, גזלה, דערנידערונג, חוזק און שפּאָט. האָבן זיך די יידישע גאַסן געקאָרטשעט פון ווייטיק, זענען טייל יידן אַריינגעטרעטן אין זיך גופא, אַנדערע ווידער זענען אַרויסגעטרעטן פונעם אייגענעם איך. וואָס טיפער מ'איז אַריין אין זיך, אַלץ מער איז געשטיגן די באַדערפעניש אַרויסצוזאָגן, אָדער אַרויסצושרייען דעם ווייטיק. האָבן יידישע שרייבער מסתמא געשאַפן אין דער שטיל, אָבער זייער קול דממה דקה איז צו דער עפנטלעכקייט נישט דערגאַנגען.

אויב ס'פּיין־געשליפן און וואוילקלינגעוודיק דיכטער־וואָרט האָט זיך לעת־עתה נישט אָפּגערופן, איז דערפאַר תחילת

מלחמה געקומען צום וואָרט דער יידישער פֿאָלקסזינגער. איז אַוודאַי נישט קיין צופֿאַל, וואָס גראָד דער פֿאָלקסזינגער מיט זיינע היימישע געזאַנג־מיטלען האָט זיך באַלד אָפּגערופֿן אויפֿן פֿאָלקס־אומגליק. יעדער פֿאָלקסזינגער איז על־פּי־רוב אַקטור־על: אַרויסשפּירנדיק דעם אינווייניקסטן פֿאָלקס־ריטם, געפֿינט ער באַלד די נייטיקע פֿראַזע, נישט־קאָמפּליצירטע ווערסיפֿיקאַציע־מיטלען, אין איינפֿאַכן פֿערז אַרויסצוברענגען די ווייען פֿון טאָג.

אַ פֿאָלקסזינגער איז צומערסט נישט אינדיווידועל, ער שפּילט זיך נישט בלויז מיט די אייגענע איבערלעבונגען און זיינע לידער זענען אויך נישט באַשטימט פֿאַר יחידים־פֿיינשמעקער. דערעיקרשט זינגט ער וועגן אַלגעמיינעם פּיין. ער שוימט אַראָפּ דאָס, וואָס ליגט ביי יעדן אויפֿן האַרצן, אָפּערירט מיט בולט־קאָנטראַסטירטע פֿאַרבן, לייכטע מעטאַפֿאָרן און געפֿינט אויס די פֿאַסיקע „מאָראַלישע" מעלאָדיע. אַזאַ ליד האָט אַלע הנחות צו ווערן ברייט און טיף צעזונגען צווישן פֿאָלק. דער באַליבטער האַרציקער פֿאָלקסזינגער, דער קדוש מרדכי געבירטיק, וואָס איז דורך דייטשן דערשאָסן געוואָרן אויפֿן וועג קיין בעלזשעץ, דעם 4־טן יוני, 1942, האָט ממש נביאיש פֿאַר־אויסגעזונגען, אַ יאָר פֿאַר דער מלחמה, זיין איצט ברייטצעזונגענעם „ס'ברענט, ברידערלעך, ס'ברענט".

זיין היימשטאָט איז די אַלטע קראָקע, די עיר ואם בישראל, די פֿאַרצייטישע רעזידענץ פֿון רמ"א. זי האָט זיך געגרויסט מיט איר הויך־רבנישן יחוס און אַלט־יידישלעכן קוזמאַרק. דאָרט זענען במשך פֿון צענדליקער דורות געשטאַנען ישיבות, בתי־מדרשים און שולן פֿון היסטאָרישן באַטייט, געבויט נאָך לויט דער גאָטישער טראַדיציע און דערהויפּט לויט דעם צוויי־שיף־פּלאַן. אויף יעדן שריט און טריט האָט מען דאָרט געאָטעמט מיט טראַדיציאָנעל־יידיש אָדער יידישלעכן שטייגער. צום העכסטן פּונקט פֿון אייגנטימלעך־יידישלעכער קדושה איז עס דערגאַנגען ערב יום כיפּור, ווען יידן אין שטריימלעך און זיידענע בעקעשעס האָבן זיך מלכותדיק געשאָטנט איבער די ענגע קוזמאַרק־געסלעך, אין אָוונט אין די צעצונדענע שולן ווייסקיטלדיק־באַנגלעך געזונגען „כל נדרי". די דאָזיקע יום־כיפּורדיקע יידן האָבן מיט זייער באַזונדערער פֿאַרביקייט פֿאַר־כאַפּט נישט איין פּוילישן קינסטלער־מאָלער.

שוין דעם ערשטן ערב יום־כיפּור ביי די דייטשן איז דער קוזמאַרק פּוסט און וויסט, די שולןליידיק און פֿינצטער. עלנ־טע יידן פֿיל מיט פּחד שאַרן זיך אַרום די אַלטע מויערן. אָט־די יאָמער־שטימונג האָט מרדכי געבירטיק טרעפֿלעך אויס־

**געזיפּצט אין זיין סענטימענטאַלן (ווי קאָן דען אַנדערש זיין?) פאָלקסמאָטיוו „ערב יום כיפור״:**

ערב יום כיפור שוין טריבלעך אין גאַס,
די זון רויט פון בושה, צי אפשר פון כעס
אַראָפּ ערגעץ נידערט —
דעם מערב־זייט הימל צעברענט.
ס׳איז ערב יום כיפור נאָך מנחה פאַרנאַכט,
און דאָ שטייען שולן ווי תפיסות פאַרמאַכט,
אויף זייערע טויערן
די שלעסער ווי קייטן אויף הענט.

■

ערב יום כיפור שוין מערבדיק נאַכט,
די יידישע געסלעך פון שונא באַוואַכט,
ווי קינדער פאַרשעמטע
פאַרחידושטע שטייען אַצינד,
געוואוינט איצט פון שולן צו הערן געזאַנג —
דערהערן פון זעלנערשע שטיוול דעם גאַנג,
דאָס קנאַלן פון ביקסן,
דאָס סקאָמלען פון היימלאָזע הינט.

■

ערב יום כיפור — ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג ? —
אין יידישע גאַסן אַ טומל אַ דראַנג
פון אַלע זייט ראַגן,
דער עולם צום דאַווענען שפּאַנט,
די בענק און די שטענדער אין שולן באַזעצט —
היינט שטייען זיי ליידיק, פאַרשעמט און פאַרלעצט.
זינט הונדערטער יאָרן
דאָס ערשטע מאָל אַזאַ שאַנד.

■

ערב יום כיפור, אַ מנין די צאָל
פאַרשפאַרט אין אַ שטוב ווי אין שפּאַניען אַמאָל,
געהילט אין טליתים —
אינדרויסן שטייט איינער און היט.

ביים שיין פון אַ יאָרצייט, וואָס ברענט אויף דער שאַנק
דערהערט זיך אַ קול אַזאַ טרויעריק געזאַנג,
דערהערט זיך דאָס ליד,
דאָס אַלטע מאַראַלישע ליד,
אוי, אוי־אוי, וויי, אוי וויי
כל נדרי !

אויסטערליש. ס'איז אַ ביטערע צייט, דער שונא זיגט כסדר, די דייטשישע מענטשן־פרעסער זענען שטאַרק האָפּער־דיק, איזדעקעווען זיך כסדר איבער הילפלאָזע יידן אין די גאַסן, שלעפּן, טרייבן, שלאָגן, טרעטן מיט די פיס, רייסן אַרויס בערד צוזאַמען מיט שטיקער פלייש. אַרום און אַרום איז פינצ־טער און אויסזיכטלאָז, מ'זעט בחוש, אַז דאָס איז ערשט דער אָנהייב פון אַ גרויסן חורבן. ס'רוב יידן זענען געבראָכן און אומגעהייער פאַרצווייפלט. גראָד אין יענע טונקעלע טעג האָט געבירטיק מינוטן פון עכט־יידישן בטחון, און ער וויל זיך מיט זיי טיילן בפרהסיא, כדי צו וועקן מוט, גלויבן און אויסדויער. האַרציק נאַאיוו און יידישלעך־מענטשלעך איז זיין ליד „מינוטן פון בטחון", געשריבן דעם צווייטן אָקטאָבער, 1941:

יידן, זאָל זיין פריילעך !
שוין נישט לאַנג, איך האָף
ס'עקט באַלד די מלחמה,
עס קומט באַלד זייער סוף.
פריילעך ! נאָר נישט זאָרגן
און נישט אַרומגיין טריב,
האָט געדולד, בטחון —
און נעמט אַלץ אָן פאַר ליב...
נאָר געדולד, בטחון —
נישט לאָז אַרויס פון האַנט,
אונדזער אַלט כלי־זין,
וואָס האַלט אונדז גאָר באַנאַנד.
הוליעט, טאַנצט תלינים
שוין נישט לאַנג, איך האָף —
געוועזן אַמאָל אַ המן
עס וואַרט אויף אים זיין סוף.

ער ווייסט, אַז מ'וואַרפט אַרויס פון די דירות; מ'טרייבט זיי הונגעריקע אויף אוממענטשלעך־שווערע אַרבעט, זיי מוזן מיט די נאַקעטע הענט זויבערן אומריינע ערטער; מ'צווינגט

זיי וואַשן די גאַסן; מ׳שערט זיי אויף חוזק אַפּ די בערד, אָבער ער „מאַכט זיך אַ לב״ און רעדט אַלעמען איין, אַז מ׳זאָל זיך פּסיכיש נישט אונטערגעבן, אינערלעך פילן זיך העכער און רײנער, נעמען אַלץ פאַר ליב, אַז ס׳וועט אייביק אַזוי נישט זיין. ס׳געוויטער וועט פאַרביי און דעם שונאס סוף מוז קומען:

ס׳וועט די שווערסטע אַרבעט
אונדז קײנמאָל מאַכן מיד.
קערן ? זאָל זיין קערן !
כל־זמן איר וועט זיין,
איז אומזיסט דאָס קערן,
ס׳וועט דאָ נישט ווערן ריין...
וואַשן ? זאָל זיין וואַשן !
גאַס רויטער פלעק
הבלס בלוט פון האַרצן
דאָס וואַשט זיך נישט אַוועק...
טרייבט אונדז פון די דירות,
שניידט אונדז אַפּ די בערד !
יידן, זאָל זיין פריילעך ! . . .
מיר האָבן זיי אין דרערד...

וויפיל האַרציקע ברודער־ליבע און בטחון פון אַ פּשוטן פאָלקס־מענטש שטעקט אין דער לעצטער, צומאָל וואולגאַרער שורה: „מיר האָבן זיי אין דרערד״.

איז אויך דאָס אויף גאָרנישט באַזירטע טרייסטן מסתמא געווען אַ נייטיקער צושטייער צום אַלגעמיינעם צעטומלעניש־קאָמפּלעקס אין געטאָ־תפיסה. דערציילט דאָך אויך יהודה עלבערג אין זיין וואַרשעווער געטאָ־רעפּאָרטאַזש: „אַ מעת־לעת אין מיין הויף״, אַז אין די שוידערלעכסטע געטאָ־טעג, ווען אין די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט מתים, פלעגט איבער די וואַרשעווער יידישע הייף אַרומגיין אַ „טרייסטער״ און זינגען:

דוד מלך חי
אַ פאַסטוכל געטריי
זאָגט שוין יידעלעך
תהלים־ניגונדלעך
תהלים זאָגט מען אוי ווי...
ביישטיין וועט מען די נסיונות
דוד מלך חי וקים
מאַכט־זשע יידעלעך אַ לחיים
דוד מלך חי.

בעתן „טרייסטערס״ זינגען פלעגן זיך עפּנען די פענצ־טער און כמעט יעדער פלעגט עפּעס אַראָפּוואַרפן.

געבירטיק, ווי אַ טרייער פריינט פון פאָלק גייט פוס־טריט נאָך דעם פשוטן געטאָ־ייד בשעת אָט־דער בהלה און פאַר־צייכנט איר באַזונדערע פּאָזן. זיינע לידער, וואָס אַ וואָרהייט, מאַכן טיילמאָל אַדורך רעצידיוון, אָבער דאָס איז געטריי דער פּאַקטישער „אַנטוויקלונג״ פון די אויסטערלישע צרות. צו דעם אַלגעמיינעם גיהנום־בילד קומט צו נאָך אַ ווייטיקלעכער שטריך — די אומגעהערט־ווילדע באַציאונג פון די מיטשכנים — פּאָליאַקן. פּוילן איז באַפּאַלן געוואָרן דורך איר פאַרביסנסטן היסטאָרישן שונא — דעם אכזריותדיקן „פּרוסאַק״. ס׳לאַנד איז אָקופּירט, די ווירטשאַפט צעשטערט, אירע געזעצן צע־טרעטן, איר קולטור באַשפּיגן. אין פלוג קאָן זיך גרייליך אויסדוכטן, אַז דאָס איז אַ געמיינזאַמער שונא פון פּאָליאַקן און יידן. אין דער אמתן אָבער ווייטיקן פּאָליאַקן ווינציקער איבער זייער פּאָליטישן אונטערגאַנג און פרייען זיך מער מיטן יידישן אומגליק.

אַי, אַי, מ׳טרייבט די זשידקעס ווי די הינט! אַי, אַי, מ׳הייסט זיי טאַנצן ווי די בערן! אַי, אַי, מ׳הייסט זיי מאַכן קאָ־זשעלקעס אויפן מאַרק! אַי, אַי, מ׳הייסט זיי „מאָדליען״ אין אַנטבלויזטע קעפּ! אַי, אַי, זיי מוזן טראָגן געלע לאַטעס! אַי, אַי, וואָסער נחת! מ׳פאַרגעסט, אַז דאָס זענען לאַנג דורותדיקע מיטבירגער, וואָס האָבן אויף זייערע פּלייצעס מיטגעטראָגן דעם גרויסן עול פון דער פּוילישער מלוכה. ס׳איז גענוג צו זען אַזאַ „ספּעקטאַקל״, אַז פּאָליאַקן זאָלן קייכן פון געלעכטער.

די יידן האָבן זיך דעריבער געזען באַדראָט פון ביידע זייטן, פון אויסנווייניקסטן שונא און פון אינווייניקסטן פיינט. און נישט איינמאָל האָט דער טייוולאָנישער חוזק (און שפּעטער אַקטיווע מיטהילף) פון די פּאָליאַקן מער געבריט איידער די דייטשישע בייטש. זינגט טאַקע געבירטיק:

ס׳טוט וויי !
ס׳טוט שרעקלעך וויי !
נישט אַזוי דער האַס,
וואָס אין שונא ברענט.
אפילו נישט די קלעפּ
פון ווילדן שונאס הענט,

ניִשט דער מגן דוד
אויף דער האַנט
אַ שאַנד!
אויף דורות לאַנג,
אַ שאַנד
וועט דאָס זײַן פֿאַר זיי.

ס׳טוט וויי!
ס׳טוט שרעקלעך וויי!
ווען ניִשט דער פֿרעמדער שונא,
נאָר זיי!
פּוילנס זין און טעכטער,
וועמענס לאַנד אַמאָל
וועט שעמען זיך מיט זיי,
לאַכן, קייכן פֿאַר געלעכטער,
זעענדיק אין גאַס,
ווי אונדזער ביידנס שונא
טרייבט מיט יידן שפּאַס,
שלאָגט און פּייניקט אַלטע לייט,
פּלינדערט אומגעשטערט,
שניידט אַזוי ווי ברויט מ׳שניידט יידן אָפּ די בערד...
און זיי!
וואָס זענען איצט ווי מיר
געבליבן אָן אַ לאַנד,
וואָס פֿילן איצט ווי מיר
דעםווילדן שונאס שאַנד,
לאַכן, פֿרייען זיך, לאַכן
אין אַזאַ מאָמענט,
ווען פּוילנס שטאָלץ און כּבֿוד
ווערט אַזוי געשענדט,
ווען פּוילנס ווייסער אָדלער
וואַלגערט זיך אויף דער ערד
צווישן בערד —
איז דאָס ניִשט אַ שאַנד
אָן אייביקער פֿאַר זיי?
איז דאָס ניִשט אַליין
אין פּנים זיך אַ שפּיי?
ס׳טוט וויי!
שרעקלעך טוט עס וויי!
**די מאָטע פֿרילינג־שטראַלן, וואָס ברעכן זיך אין געטאָ־**

שטויב, דערמאָנען אויף אַ ווײַלע, אַז נישט אומעטום איז אַזוי טריב און פינצטער ווי דאָ; אַז ערגעץ איז דאָך פאַראַן אַ פרייע, זוניקע וועלט, ווי ס'לעבט זיך מענטשלעך. אונדזער פרילינג איז אַן אַנדערער:

פרילינג אויף ביימער, אין פעלד און אין וואַלד,
נאָר דאָ אין געטאָ איז האַרבסטיק און קאַלט.
נאָר דאָ אין געטאָ איז האַרבסטיק און טריב
ווי ביי אַן אבל אין שטוב.

אין געטאָ איז פיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת — נאַכט, אַ געדיכט-פינצטערע „וואַכנאַכט", בעת וועלכער אַלץ איז פאַרשטעקט אין האַרצקלאַפּנדיקער דערוואַרטונג. שומר מה מליל? — יידישע שטיבער זענען קברים מיט פענצטערלעך, אין וועלכע מ'קומט שוין ביים לעבן אָפּ חיבוט הקבר. דער מעת-לעת האַלט פיר און צוואַנציק שעה, יעדע שעה האָט זעכציק מינוטן, יעדע מינוט האָט זעכציק סעקונדעס און יעדע סעקונדע איז אויסגעפילט מיט אומאויפהערלעכן אימת-מות-שוידער, די גלידער שטאַרבן אָפּ מינוטנווייז, די נשמה צאַנקט סעקונדענווייז.

און ווידער טרעט איין אַ געפּרעסטע מעטערלינקישע ספּע-רע פון טויט-שפּאַנונג. די קיניגין טויט טריאומפירט! ווי אַזוי זאָל מען די קיניגין אַנטקעגנשטיין? מיט הכנעה, אָדער מיט צאָרן? מיט וואַרפן זיך אויף דער קני? אפשר גאָר מיט ביילן אַ פויסט? אינמיטן אָט-די וואַקלענישן הערט זיך אַ מאוימדיק געשריי: „דער טויט איז דאָ"!

צו צייכענען אויפן פּאָן פון דער געטאָ-ווירקלעכקייט אָט-די גיגאַנטישע וועלט- און פאָלק-מיסטעריע, ווייזט אפילו די גריכישע טראַגעדיע — מיט איר פאַטום-און שיקזאַל-ספּעק-טאַקל — אויס צו זיין אַ פאַרעלטערט קינדער-שפּילכל. האָט דעריבער ביז איצט קיין שום יידישער דיכטער נישט צוגערירט זיך צו אָט-דער ריזיקער טעמע, וועלכע פאָדערט צענדליקער יאָרן פּאָעטיש-דראַמאַטישע איבערקאָכונג. דער פאָלקסזינגער אָבער איז בטבע אימפולסיוו און אומגעדולדיק, ער פילט גיך אַרויס די אינסטינקטיווע נייטיקייט פון יעדן ליידנדיקן, תיכף צו באַקומען אויף די לעפצן אַ „גרייט ליד", וואָס זאָל „קיילעכ-דיק" באַזינגען זיין אומגליק. אים קלאָר מאַכן זיין גורל, כדי צו וועקן רחמנות נישט נאָר ביי די אַרומיקע, נאָר בעיקר ביי אים, דעם ליידנדיקן גופא, דאָס הייסט, רחמנות אויף זיך אַליין.

אַ קנאַפּן חודש פאַר זיין טויט האָט געבירטיק, אויף זיין

אָרעמער, צעבראָכענער פלייט, אויסגעשפּילט אַ חצות־ניגון וועגן דעם מצב הנפש:

ציען די שעהן זיך שווערע ווי בליי,
ווינטן פול אימה און שרעק,
בעט מען דער טאָג זאָל כאָטש זיין פאַרביי,
די נאַכט זאָל בשלום אַוועק.

שלאָפט מען נישט נאָר, נאָר מען האָרכט און מען וואַרט.
פאַלט עפּעס שרעקלעכעס איין.
אויף וועמען וועט פאַלן דער גורל די נאַכט,
זייערס אַ קרבן צו זיין...

ליגט מען אַזוי און די אימה איז גרויס
הערנדיק סקריפּען אַ טיר,
ציטערט דאָס האַרץ, ווען פון הונגער אַ מויז
גריזשעט אַ שטיקל פּאַפּיר.

שטאַרבט אָפּ איין אבר, ווען ס'טראָגט זיך אַרום
אין הויף מיט פּאַפּירלעך דער ווינט, —
געזעגנט מען זיך אָן שום לשון ווי שטום —
מיט מאַמעס, מיט ווייב און מיט קינד.

נאָכאַמאָל: געבירטיק זינגט נישט קיין אינדיווידועלע געזאַנגען, ער שפּילט זיך נישט מיט די אייגענע שאַנסן. מ'קאָן אפילו זאָגן, אַז ער איז נישט קיין פּאַרזינגער, נאָר אַ נאָכזינגער. ער כאַפּט־אויף, אָן אַ ספּעציעלער פּאַרטיפונג, דאָס, וואָס ליגט ביי יעדן אויף דער צונג. אָבער דערביי באַהויכט ער עס מיט פּאָלקסטימלעכער האַרציקייט, יידישלעכן חן און שטייגערצאַרטקייט.

און ווייל ער פילט שטענדיק וואונדערבאַר אַרויס יעדן באַגער פון די צעווייטיקטע יידישע מאַסן, האָט ער אויך פאַרשטאַנען אויסצוזינגען דעם טיפן באַגער פון נקמה. אין דעם פּרט איז דער יידישער דיכטער בכלל אין אַ נישט־געבענטשטער לאַגע. דיכטונג איז בעצם באַרופן צו באַזינגען דאָס שיינע און געלייטערטע און וועקן געפילן פון ליבע. דער הייניקער יידישער משורר איז אָבער באַרופן וועקן האַס־געפילן און ממילא רופן צו נקמה. די אידייע פון „אל נקמות" איז נישט קיין דעוויז פון שנאה לשם שנאה, נאָר פיינטשאַפט צום בייזן און שלעכטן אינעם נאָמען פון ליבע צו מענטשן. אַזוי

אַרום דאַרף זיגן דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט. האָט אָט־דאָס נקמה־געפיל באַהערשט אַלע קדושים אויף זייער לעצטן וועג צום קאַלכאויוון, אַלע אָפּגעראַטעוועטע און אויך יעדן איי־נעם אין דער יידישער אייראָפּע, וואָס קאָן האַלטן אַ פען אין האַנט. אַמאָליקע חסידים, ווען זיי האָבן באַנייט אַ פּאָר שיך, פלעגן זיי אויף די זוילן אויפשרייבן מיט קרייד „תמחה את זכר עמלק" און טרעטנדיק מיט די פיס פלעגן זיי מקיים זיין אָט־דעם געבאָט. געבירטיק פאַרשטייט צו פאַרבונדן ס'געפיל פון נקמה מיטן גלויבן אין אַ נייע גערעכטע וועלט, וואָס וועט אָפּשאַפן די אַלע גרוילקייטן:

און איך זאָג אייך ברידער, געדענקט וואָס איך זאָג !
דער איינציקער טרייסט און נחמה.
ס'וועט קומען, איר הערט? ס'וועט קומען אַ טאָג,
וואָס וועט פאַר אונדז נעמען נקמה !

נקמה פאַר אונדזערע ליידן און פּיין,
פאַר בלוט, וואָס די שונאים פאַרגיסן,
נקמה פאַר די, וואָס פון זייער געביין
וועט קיינמאָל קיין מענטש זיך דערוויסן;
נקמה פאַר מעשים אין סדום נישט געהערט,
פאַר מאַמעס, יתומים, אלמנות,
נקמה וועט שרייען אַרויס פון דער ערד,
דאָס בלוט פון מיליאָנען קרבנות.

דער מענטש וועט דערוואַכן קיין ספק נישט מער,
דערזען דעם גרויל פון מלחמה,
ווי אונדזערס אַ נביא אַ הילך טאָן וועט ער:
נקמה! כ'וועל נעמען נקמה!

ס'וועט קומען דער טאָג, יאָ, איך האָף און גלויב,
איך זע, ברידער, זיין אָנקום פון ווייטן,
און ברענגען וועט ער אונדז ווי נחס אַ טויב
אַ בשורה פון פרידלעכע צייטן.

דער באַגער אויף אַ פאָלקסטימלעכן, אוממיטלבאַרן און נישט קאָמפּליצירטן שטייגער אויסצוזינגען דעם האָגל־צרות, וואָס זענען אונדז באַפאַלן, איז נוגע נישט נאָר מרדכי געביר־טיק. דאַרף עס נישט זיין קיין וואונדער, וואָרים ס'פאָלק איז אָפּגעפירט געוואָרן אין געטאָ־גלות און די לאַגערן אַליין, אָן

אַ ירמיה, וועלכער זאָל טרייסטן און קרעפטיקן מיט אַ נביאיש וואָרט. אַ צעטומלטס האָט עס אַליין אויסגעטראָגן דעם וואָנ־זיניקן פּיין־עול אויף די אייגענע פּלייצעס. אויף אָט־דער גאָ־לער פאַרלוירנקייט קלאָגט דער קדוש פון לאָדזשער געטאָ ש. שאַיעוויטש:

נאָר אויף דעם חורבן איז נישטאָ
ירמיה, וואָס זאָל קלאָגן איכה,
ער גייט נישט מיט מיט זיי אין גלות
צום טרייסט, ווי ביי די בבל טייכן.

מ׳האָט אַליין געליטן און אַליין געזונגען. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס עס האָט אַ פּלייץ געטאָן מיט אַנאָנימען געזאַנג. אומעטום, אין אַלע געטאָס — שפּעטער אין די לאַ־גערן — האָבן זיך כסדר געמערט פאַרשיידענע פאָלקסזינגער, היימישע דיכטער, באַקלאָגער און טרייסטער, וואָס האָבן אויף אַ מער אָדער ווייניק געלונגענעם אופן „באַזונגען" דעם ביטערן יידישן גורל. ס׳צעבראָכענע געמיט איז דאָך נישט געווען קיין „פּריווילעגיע" פון ספּעציעל ליידנדיקע יחידים, ס׳אומגליק איז אַ רשות הרבים, אויף טריט און שריט מאָנט עס אַ וואָרט־תיקון. ס׳איז געווען אַ באַדערפעניש פון קאָלעקטיוון אויסוויינען זיך. אומעטום האָט מען געזונגען פאָעמעס, באַלאַדעס און לידער, וואָס זענען טעמאַטיש פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער לאַגע און אויך מיט ספּעציעלע געשעענישן. נאַטירלעך זענען אין פּוילן פריער אַנטשטאַנען גיהנום־לידער, איידער, למשל, אין ליטע, וואָס איז מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער אָקופּערט גע־וואָרן דורך די דייטשן.

די פאָלקס־לידער פון ערשטן געטאָ־פּעריאָד, ווען די אכזריותן האָבן נאָך געהאַט אַ וועלכע ס׳איז גרעניץ, זענען ס׳רוב פון עפּישן פאַרנעם מיט דעם אַלט־דערציילערישן מאַ־ניער פון „הערטס מענטשן, וואָס עס האָט זיך געטון פאַרלויפן". דער פאַרלויף פון דער געגראַמטער „דערציילונג" איז געשיל־דערט מעלאָדראַמאַטיש, געפלאָכטן מיט אויבנאויפיקע סענ־טימענטן, וואָס זענען אָבער אין תוך זייער רירנדיק. אין שאַוו־לער געטאָ האָט חנה חייטין „פאַרפאַסט" אַ ליד א. נ. „דאָס פאַר־וואָגלטע קינד". דאָס ליד האָט מען זייער פיל געזונגען אין אַלע געטאָס אין ליטע. דער מאָטיוו איז געבויט אויף אַ פאַקט, וואָס אַ מוטער האָט געמוזט באַהאַלטן איר קינד אין אַ נישט־יידיש הויז, די שיידונג פון דער מוטער מיט דעם קינד איז רירנדיק. אין דערזעלביקער צייט וואָלט אַ יידישע מוטער אין

**וואַרשעווער אָדער לאָדזשער געטאָ, זיך געשעצט גליקלעך, ווען זי האָט די מעגלעכקייט צו לאָזן איר קינד אין אַ קריסט־לעך הויז און עס באַשירמען פון אַ זיכערן טויט:**

אין אַ ליטוויש דערפל ווייט,
אין אַ שטיבל אין אַ זייט,
דורך אַ פענצטער נישט קיין גרויס
קוקן קינדערלעך אַרויס:
יינגעלעך מיט פלאַקסן־קעפ,
מיידעלעך מיט בלאָנדע צעפ,
און צוזאַמען דאָרט מיט זיי
קוקן שוואַרצע אויגן צוויי.

שוואַרצע אויגן פול מיט חן
און אַ נעזעלע אַ קליין,
ליפּעלעך צום קושן נאָר,
שטאַרק געלאָקטע שוואַרצע האָר.
די מאַמע האָט אים דאָ געבראַכט
איינגעוויקלט, שפּעט ביינאַכט,
געקושט אים שטאַרק
געוויינט, געקלאָגט
און שטילערהייט צו אים געזאָגט:

„פון היינט, מיין קינד, איז דאָ דיין אָרט,
געדענק דיין מאַמעס לעצטע וואָרט!
ס׳איז דיין לעבן אין געפאַר,
איך באַהאַלט דיך דאָ דערפאַר,
מיט די קינדער שפּיל זיך פיין,
זאָלסט שטיל געהאָרכזאַם, רואיק זיין!
קיין יידיש וואָרט, קיין יידיש ליד.
פון היינט, מיין קינד, ביסטו קיין ייד״.

דאָס קינד געבעטן זיך ביי איר:
„איך וויל מאַמע זיין מיט דיר,
לאָז נישט איבער מיר אַליין״.
עס האָט געציטערט אין געוויין.
זי האָט צוגעזאָגט אַ סך
נישט געהאַלטן קיין שום זאַך,
עס האָט געשריגן: „ניין און ניין
איך וועל נישט בלייבן דאָ אַליין״.

אין ליטע איז מען נאָך דעמאָלט געווען מער צוגעבונדן צו יידישקייט, איידער צום לעבן. אָבער אַ גרויסע ראָל שפּילט דאָ אויך די מעגלעכקייט, אַז די מוטער זאָל שוין מער קיינמאָל נישט זען איר קינד פֿאַר די אויגן. אין דער צייט, ווען ס'אומ־גליק־באַזאַנג און חורבן־באַקלאַג איז געוואָרן אַ מאַסן־געברויך, איז פֿאַרשטענדלעך הלמאַי ס'האָבן זיך געפּרוכפּערט אָט־די פּרימיטוו־נאַאיווע שאַפֿונגען. בעצם איז דאָס די אויטענטי־שע איכה־פּאַנאָראַמע פֿון אונדזער בראָך.

אינעם באַנעמען אונדזער בראָך־פּראָצעס שטויסן זיך נישט איינמאָל צונויף צוויי אַקעגנגעזעצטע געביטן: וויסן און געוווסן, באַגרייפֿן און עמפּינדן. ס'איז זיי פּשוט שווער צו גיין באַגלייך. ס'ערשטע איז ס'רוב נוגע דעם רייפֿן און דערפֿאַרענעם מענטש, ס'צווייטע ווערט סימבאָליזירט דורך אַ קינד. מיר געדענקען נאָך פֿון די יינגל־יאָרן, ווי דער בעל המשלי האָלט אין איין איינרעדן דעם אונטערוואַקסנדיקן יינגל, אַז ער זאָל נייגן זיין אויער צו פֿאַרשטאַנדיקייט, ווייל נאָר דאָס איז דער גרעסטער לעבנס־אוצר. דאָקעגן פֿלעגט מען טייטלען מיט די פֿינגער אויף אַ דערוואַקסענעם מענטש, וואָס באַנעמט זיך אוממיטלבאַר, מ'האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז קינדיש.

אין געטאָ קאָן זיך אויפֿסניי די פֿאַרשטאַנדיקייט נישט צו־נויפֿרעדן מיט דער קינדישקייט. אוודאי האָט דאָס געטאָ־לעבן געמאַכט אַ סך קינדער רייף פֿאַר דער צייט, זיי האָבן אויף־גיך באַנומען די גאַנצע מאָרימדיקייט און אָפֿט געהאַנדלט ווי דער־וואַקסענע מענטשן. ס'זענען אָבער אויך געווען מאָמענטן פֿון טראַגישן „ויתרוצצו" צווישן פֿאָטער און קינד. דער שכלדי־קער געטאָ־ייד וואַקסט טאָג־טעגלעך אריין אין אומגליק־רעטע־ניש און ס'רעטעניש הערט פֿאַר אים אויף צו זיין רעטעניש. און בליק טרעפֿט זיך צונויף מיט די צעשפּילטע אייגעלעך פֿון שטיפֿעריש טעכטערל וועפֿט זיך אין זיין קאָפּ אויס די גאַנצע פֿאַרשטאַנדיקייט. ער קאָן דעם טעכטערל נישט אויפֿקלערן דעם זינען פֿון דער בהלה, פֿאַרוואָס טרייבט מען אונדז? מיט וואָס האָבן מיר זיך פֿאַרזינדיקט? מיט וואָס זענען מיר אַנ־דערש פֿון די אַרומיקע? און אויף צענדליקער אַנדערע „קינדי־שע" פֿראַגעס.

בשעת איינער פֿון דער באַקאַנטער געטאָ־„אויסזידלונגען", דאָס הייסט, בעת אַ לך לך צום טויט, טרעט איין אַ שניט צווישן דעם צוויייטיקטן טאַטן און זיין געליבט שטיפֿעריש טעכטערל. דער טאַטע באַמיט זיך איינעמען זיין בלימעלען מיט „פֿאַר־שטאַנדיקע" רייד, און בלימעלע האָט נישט קיין חשק זיך אָפּ־צוזאָגן פֿון איר קינדישקייט. דער שוין דערמאָנטער דיכטער

**ש. שאַיעוויטש זינגט דערוועגן:**

און אַצינד בלימעלע קינד־לעב,
צוים דיין קינדערשע פרייד —
ס׳קוועקזילבערדיקע טייכל אין דיר —
און צוב אומבאַקאַנטן וועג לאָמיר זיין גרייט.

שטעל נישט דיינע גרויסע, ברוינע
אויגענעס אויף מיר נייגעריק אויס,
און פרעג נישט פאַרווען און פאַרוואָס!
מיר מוזן פאַרלאָזן אונדזער הויז!

איך אַליין בין שוין — קינד לעב שיינס —
אַ מענטש דערוואַקסן און שוין גרויס,
און ווייס אויך נישט פאַרוואָס מען טרייבט
דעם פויגל פון זיין נעסט אַרויס.

און אַצינד בלימעלע קינד־לעב,
הער אויף... נו, הער שוין אויף צו שטיפן...
נישט קיין פאַסיקע צייט דערויף
מען קאָן אונדז יעדע מינוט רופן...

צו פאַרלאָזן די אָרימע היים —
אַן עלנט שיפל אויפן אינדזל פון זאַמד
און שליידערן אונדז אין מיטן
נאַקעט צעבושעוועטן ים.

אַט דרויסן שלעפט זיך שוין פאַרביי
די ערשטע גרופן אויפן וואַנדער —
פרויען, מענער, זקנים אויף רוקנס —
משאות שווערע, אויף הענט — קינדער.

זייערע פאַראבלטע פנימער
זענען פון שאַנד און פראָסט שיכור־רויט,
זייערע שריט — פאַרחלשט־וואַקלדיקע,
מיט בליקן פאַרמשפט צום טויט.

**אַמאָל האָט מאַקסים גאָרקי געלאָזט איבער דער וועלט אַ געפליגלט וואָרט וועגן מהות־מענטש: „מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ!“ דאָס איז גיך געוואָרן אַ קאַמף־דעוויז פאַרן**

דערהויבענעם ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערן דור. פאַר אָט־דעם דור איז מענטש און מענטשנליבע געווען דער העכסטער אידע־אַל, פאַר וועלכן מ׳האָט אַלץ מקריב געווען. אין נאַצי־דייטש־לאַנד ווידער האָט מען דעם מענטש עפנטלעך געלייגט אין חרם אַריין און אויף זיין אָרט אַוועקגעשטעלט דעם ראַסן־אָפּ־גאָט, דעם נייעם מולך. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טייוולאָ־נישער „אַנטמענטשונג״־פּראָצעס. דערביי מוז מען אָבער מודה זיין, אַז אָט־די „אַנטמענטשונג״, דאָס הייסט, אויסליידיקן דעם בר־נש פון אַלעם, וואָס איז הויך־מענטשלעך, אָפּמעקן ביי אים דעם צלם־אלקים, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פון זיך אַליין. זיי האָבן קודם־כל פון זיך אַליין אַרויסגעטריבן אַלע מענטשן־פריינטלעכע געפילן און זיך פאַרשוואוירן צו האַנדלען לגבי אַנדערע — חיהש, וואָרים דער פּרינציפּ דאַרף זיין „אַ מענטש פאַר אַ מענטש איז אַ וואָלף״. און זיי האָבן עס טאַקע מקיים געווען בכל חומר הדין זדון. אַמבולטסטן איז עס געקומען צום אויסדרוק אין געטאָ. דאָרט איז דער אַנטמענטשונג־פּראָצעס שוין דערגאַנגען צו דער צווייטער פאַזע. דאָרט האָט די בלאַנ־דע בעסטיע באַשטרעבט מיט אַלע אוממענטשלעכע מיטלען לכתחילה נישט אַוועקנעמען ביים געטאָ־ייד זיין לעבן, נאָר דערהויפּט דעגראַדירן זיין שטאָלץ מענטשישקייט.

איידער מען האָט דעם „גאָטפאַרדאַמטן יודע״ געפירט אין גאַז־קאַמער, האָט מען זיך באַמיט אים פאַרוואַנדלען אין אַ פויגל און אַ חיה. מ׳האָט דעם געטאָ־ייד באַפוילן מיט דער בייטש, אַז ער זאָל טרילערן ווי אַ קאַנאַריק, קוואַקען ווי אַ קאַטש־קע, שפרינגען ווי אַ ציג, ברומען ווי אַ בער, כריוקען ווי אַ חזיר, הירזשען ווי אַ פערד, בילן ווי אַהינט. דער וואָלף האָט געוואָלט האָבן די זיכערקייט, אַז ער פירט אין קאַלכאויוון אַריין נישט קיין שטאָלצן מענטשן, איבער וועלכן ר׳האָט אַ פיזישע איבערוואָג, נאָר אַ חיה.

זיי האָבן דאָס נישט דערגרייכט, פאַרקערט — יידן זענען מאַסנווייז געגאַנגען אין קאַלכאויוון אַריין מיטן פלאַמיקן גע־זאַנג פון אַלטן „אני מאמין״.

איז דאָס אָבער דעם געטאָ־ייד נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. ס׳איז אַוודאי נישט גרינג אויפּצונעמען די אַלע ווילדקייטן מיטן געפיל פון ווערדע. נישט איינער, אין געטאָ, האָט גע־חלומט וועגן אָפּטייטן אין זיך די מענטשלעכע עמפּינדלעכ־קייט, כדי נישט צו זיין אַזוי פילבאַר לגבי דעם שפּאָט און דער־נידערונג, און נאָכמער לגבי דער גאָלער עלנטקייט און אומ־מעכטיקייט. צו־וואָס בלייבן די „קרוין פון באַשאַף״, ווען מען טאָרעט זיך כסדר חזיריש אין דער בלאָטע.

איז דורכאויס נישט קיין צופאַל די „תפילה" פון ריווע קוויאַטקאָווסקי, וועלכע האָט אין יאָר 1942 אין לאָדזשער געטאָ געבעטן א „תפילה פון אַ געטאָ־ייד":

גרויסער גאָט,
וואָס האָסט געקאָנט
פון דער לערקייט
באַשאַפן די וועלט!
פון אַלע באַשעפענישן
מיך דערהויבן!
צו דער הויכקייט —
פון אַ גלויבן...
געבענטשט
מיט דעם נאָמען
מענטש!
הער אויס מיין געבעט...
איך בין אַ געטאָ־ייד —
פאַרטריבן איינזאַם און מיד,
מיין האַרץ איז צעריסן און לער,
איך האָב קיין תפילות מער
הער אויס מיין איינציק געבעט.

און דאָ קומט אויספירלעך ס'איינציקע געבעט פון דער „תפילה", וואָס קערט אום כביכלן די מתנה פון „צלם־אלקים", דאָס זיין באַשאַפן אין בוראס געשטאַלט און גלייכעניש. דער געטאָ־ייד האָט שוין מער נישט קיין כוח צו טראָגן אויף זיך דעם עול פון „האָמאָ סאַפּיענס" ער וויל מגלגול ווערן אין אַ טעמפע חיה:

און נעם פון מיר צו
פון מענטש דעם נאָמען!
נעם פון מיר צו
די פאַרפייניקטע נשמה,
עס זאָל זי נישט פרעסן
נישט נאָגן דער אומעט!
נעם פון מיר צו
דאָס באַנעמען פון מיין אויער,
איך זאָל נישט הערן דאָס געוויין
פון יעדער געטאָ־מויער!
נעם פון מיר צו מיין בליק,

איך זאָל נישט זען
די דראָטן, אַ בריק
ווי מיינע ברידער ווערן געטריבן געיאָגט,
ווי מיר פאַלן, ווי מיר זינקען פון טאָג צו טאָג
און פאַרוואַנדל מיך גאָט:
אין אַן אָקס, אין אַ פערד, אין אַ הונט !
איך וויל זיין אַן אָקס אָדער אַ פערד,
אין שפּאַן אַקערן די ערד
און האָבן אַ ווערט...
אַ ווערט !

---

צעשיט איבער דער וועלט אין זאַמד
באַגראָב אין דער ערד אין זאַלץ
פאַרוואַנדל מיך אין אַ שטיין,
נאָר אַ מענטש,
אַ מענטש קאָן איך מער נישט זיין !

**דערמאָנט דאָס אוודאי בייראָנישע בונטאַרישקייט־מאָטיוון און נאָכמער איז עס אַ וואַריאַנט פון דאָסטאָיעווסקיס קאַראַ־מאַזאָוון, וועלכער שליידערט צוריק דעם באַשאַפער זיין וועלט־בילעט, ווייל די פּרייז פון בלוטיקן וועלט־ספּעקטאַקל איז צו הויך.**

**די יידישע געטאָ־טאָכטער ריווע קוויאַטקאָווסקי איז נישט אַזוי „חוצפּהדיק“, זי איז אַ סך באַשיידענער, זי „שליידערט“ נישט, נאָר בעט זיך ביים בורא מיט תחנונים, אַז ער זאָל פון איר אַראָפּנעמען דעם אומדערטרעגלעכן עול פון מענטשלעכ־קייט. זי וויל מער נישט זיין די קרוין פון דער בריאה. ס'איז באמת אַ פאַטאַלער טעות פון די הימלען צו פאַרזיגלען דעם מענטש־באַשאַף מיט דער חתימה „כי טוב“. דער געטאָ־גיהנום מעקט אינגאַנצן אָפּ אָט־די ראַזאָווע חתימה.**

אַלע וועגן האָבן געפירט צום טויט,
אַלע וועגן.
אַלע ווינטן האָבן געאָטעמט מיט פּאַראַט,
אַלע ווינטן.
אויף אַלע שוועלן האָבן געהאָווקעט בייזע הינט,
אויף אַלע שוועלן.
אַלע נעכט זענען פּעט געוואָרן פון אונדזער שרעק,
אַלע נעכט.
אַלע וואַסערן האָבן פון אונדז געלאַכט,
אַלע וואַסערן.
און די הימלען זענען געווען נאַקעט און ליידיק,
און גאָט האָט באַהאַלטן זיין פּנים.

— רייזל זשיכלינסקי

ס'זענען פאַרשווינדן די לויטערע חלומות פון די יונגנט־לעך־פאַרבענקטע און מיט ליבשאַפט אויסגעשטערנטע זומער־נעכט: די היינטיקע שטאָק־פינצטערע נעכט זענען געזעטיקט מיט אונדזער פּחד. די טייכן ווייסל, בוג, דניעסטער און דניע־פּער, איבער וועלכע מיר האָבן זיך אַמאָל לבנהדיק געשיפט און שעפּטשנדיק זיי אָנפאַרטרויט אַלע ליבע־סודות, האָבן זיך אויסגעלאָסן צעלאַכט איבער אונדזער אומבאַהאָלפנקייט. די לינדע ווינטלעך, וואָס האָבן אַמאָל מוטערלעך־מילד געגלעט אונדזערע יוגנטלעך צעפלאַמטע פּנימער, האָבן אונדז אומפאַר־שעמט פּאַראַטן. די לאַנגדורותדיקע שכנים, מיט וועלכע מיר האָבן תמיד ברודערלעך געטיילט אונדזער שמייכל און גע־קרעכץ, האָבן אונדזער פּנים נישט דערקענט און זיך אָפּגע־ריסן אויף אונדז מיט אַ הינטיש־צערייצט בילעריי. די וועגן, איבער וועלכע אונדזערע זיידעס און טאַטעס האָבן אַמאָל גע־פירט תבואה, פלאַקס און געהילץ, פירן איצט צום טויט. די הימלען, צו וועלכע אונדזערע פרומזעליקע באָבעס און מאַמעס האָבן אין די שבת־צו־נאַכטסן געשיקט זייערע האַרציקע תפילות זענען איצט אינגאַנצן אויסגעליידיקט. אונדזער גאָט פון אברהמען, יצחקן און יעקבן האָט זיך פאַר חרפּה ערגעץ באַהאַלטן. און אינמיטן שטייען מיר, פאַרשעמטע יידן פון פּוילן, ליטע און אוקראַינע צעטומלט און פאַרלוירן, מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ און מאַכטלאָזע הענט...

צו־וועמען זיך ווענדן? ווער וועט אונדז שיצן? ווער וועט אונדז געבן הילף און טרייסט? געבליבן איז נאָר אַן איין־און־איינציקער וועג, דער דורכבליץ־וועג צו זיך אַליין. און דעם וועג צו זיך אַליין קאָן מען געפונען נאָר דורך דעם וואָרט. מיטן

וואָרט — דערציילט מען — איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן און מיטן וואָרט וועט זי מסתמא אויך חרוב ווערן. ס׳וואָרט „יהי״ פון די בראשית־טעג אָן האַלט זיך אין איין באַנייען אין אומ־ציילִיקע אַנטפּלעקונג־גלגולים. און אַט־דער נישטדערגרונטע־וועטער וואָרט־לאַגל ווערט היינט באַרייכערט מיט ווידער אַ נייעם גלגול דיכטערישע אויסדרוקן פון קאָלעקטיוועך שטוי־נונג, פאַרביטערונג, פויסטביילעניש, יאוש־צייַנקריצעניש און גסיסה־צאַפּל. דאָס געלייטערטע וואָרט דאַרף זיין דער כישוף־רינג, וואָס זאָל באַהעפטן ס׳געדעכעניש פון דעם אויסגעדברטן זעקסמיליאָניקן דור קדושים מיט דעם אויפגייעינדיקן נאָכ־מבולדיקן מאָרגן.

אין די ערב־חורבן־יאָרן האָט דער דיכטער מעבר לים, יעקב גלאַטשטיין, באַשיינפּערלעך געזען, ווי עס רוקט־אָן די נייע וועלט־מגפה; ער האָט זיך לייכט פאַרנייגט און מיט אַ ביטער־בייסיקן פּראָטעסט־שמייכל געוואונטשן: „אַ גוטע נאַכט, וועלט!״ :

א גוטע נאַכט, ברייטע וועלט.
גרויסע שטינקנדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.

אַזאַ שטאָלץ „געזעגנען זיך״ האָט געקאָנט געדייען נאָר אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואו מ׳איז פון דער מגפה גע־ווען צוביסלעך אָפּגעהיט דורכן אוקינוס און מ׳האָט נאָכדעם אפשר געקאָנט רואיק שלאָפן. אין מזרח־אייראָפּייאישן געטאָ אָבער האָט מען פון דער וועלט נישט געקאָנט באַקומען קיין נאַכט־אורלויב, ווייל ס׳איז געווען אַ קאָשמאַר, אָן דעם גלויבן „אָנצוזען די ברעמען פון פרימאָרגן״...

אַרום און אַרום איז אַ מדבר פון שוידערלעכער ווילד־פרעמדקייט; דער איינציקער קרוב איז דער טויט. איז דאָס אַ קרוב, וועלכן מ׳האָט — פונקט ווי איוב — ממש אויסגעקוקט ווי אַ גענעזונג.

די איינציקע דערווייליקע טרייסט האָט מען טאַקע געהאָפט צו געפונען אין אייגענעם אויסגעבלוטיקטן וואָרט. צי איז אָבער דעמאָלט געווען אַ צייט פאַר דיכטער־געזאַנג? מיט אַט־דעם פייער־קרייז פון שפּאַנונגען ראַנגלט זיך און בלוטיקט דער דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן איידער ער אַנטשליסט זיך אָנהייבן זינגען „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״. איז יצחק קאַצענעלסאָן דער גרויסער חורבן־באַרד, וואָס האָט באַר־

וועס געקלעטערט איבער די פייער־חורבות פון די נאַלעווקעס און מיט זיין קלאָג־האַרף „געעפנט" די גרויליקע מיסטעריע־שפּיל פון ישׂראלס טויט אויף דער פּוילישער ערד.

אַמאָל האָבן די באַרדן־זינגער און באַרדן־דיכטער אין זייער פּאַרביקן טראַכט געוואַנדערט איבער שטאָט און דאָרף און אויף זייער אַלט־אַלטן קראָטאַ־אינסטרומענט אויסגעשפּילט געפּרייז־לידער צום לויב פון די פירשטן און העלדן, וואָס האָבן דעראָבערט לענדער. אונדזער צעווייטיקטער באַרד שפּילט אויף זיין בלוטיקער האַרף אויס אַ הלל הגדול נישט לכבוד פירשטן־יחידים און נישט פאַר די הימלען, נאָר פאַר דעם פירשטן־פאָלק, וואָס האָט אין זיין שטומען מאַרטירערטום מער געלויכטן פון דער זון.

אָבער נאָכאַמאָל — איז איצט אַ צייט פאַר געזאַנג? ווען דאָס בלוט אין די אָדערן גליווערט פון טויט־פּחד, און אַ גרויסער טייל פונעם פאָלק, איז שוין פאַרצערט געוואָרן פון די טרעבלינקע־פלאַמען? — דער דיכטער אין אים באַפעלט:

„זינג, נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג
אויף זיינע סטרונעס דין, וואַרף דיינע פינגער שווער
ווי הערצער, ווי צעווייטיקטע, דאָס ליד דאָס לעצטע זינג
זינג פון די לעצטע יידן אין אייראָפּעס ערד.

ער פּרוּווט מיט האַרץ אָפּבעטן זיך ביי דער אייגענער מוזע:

ווי קאָן איך זינגען? ווי קען איך עפענען מיין מויל
אַז איך בין געבליבן איינער נאָר אַליין —
מיין ווייב און מיינע עופהלעך די צוויי — אַ גרויל
מיך גרוילט אַ גרויל... מען ווײנט! איך הער ווייט אַ געוויין.

אָבער דער דיכטערישער אימפּעראַטיוו געביט ווייטער:
זינג, זינג! הויב אויף צעווייטיקט און געבראָכן הויך דיין שטים,
זוך! זוך אים אויף דאָרט אויבן, אויב ער איז נאָך דאָ —
און זאָג אים... זאָג דאָס לעצטע ליד פון לעצטן יידן אים,
געלעבט, געשטאָרבן, נישט באַגראָבן און נישטאָ...

ער פאַרענטפערט זיך ווידער:

ווי קאָן איך זינגען? ווי קען איך אויפהייבן מיין קאָפּ?
מיין ווייב אַוועקגעפירט און מיין בנציונקען און יאָמעלען —
אַ קינד —

איך האָב זיי נישט ביי מיר דאָ, און זיי לאָזן מיך נישט אָפּ!
אָ, שאָטנס פינצטערע פון מיינע ליכטיקסטע, אָ, שאָטנס,
קאַלט און בלינד !

**די מוזע פאַרלאַנגט ס׳איריקע:**

זינג, זינג אַ לעצטן מאָל נאָך דאָ אויף דער ערד פאַרוואָרף
דיין קאָפּ אַהינטער, פאַרגלייז די אויגן און אים שווער
און זאָג אַ לעצטן מאָל אים, שפּיל אויס אים אויף זיין האַרף:
נישטאָ שוין מער קיין ייִדן! אויסגעהרגעט און נשיטאָ זיי מער!

**דער טרערן־געשטיק לאָזט אים אָבער נישט פריי זינגען:**

ווי קאָן איך זינגען? ווי קאָן די אויגן איך פאַרגלייזט
אין קאָפּ אין מיינעם הויבן? אַ טרער פאַרגליווערט האָט
פאַרקליבן זיך אין אויג מיר... זי רייסט זיך רייסט
פון אויג אַרויס זיך — און זי קאָן נישט פאַלן... גאָט מיין גאָט!

**דער בלוטיק־דראַמאַטישער שמועס מיט זיך אַליין שלענגלט זיך ווייטער:**

זאָג, זאָג, הייב אויף צו הימלען הויך און בלינד דיין בליק,
ווי ס׳וואָלט געווען אַ גאָט דאָרט אין די הימלען... ווינק אים,
ווינק —
ווי ס׳וואָלט געשיינט, געלויכטן אונדז נאָך דאָרטן גרויס אַ גליק!
זיץ אויף די חורבות פון דעם — אויסגעהרגעטן פון פאָלק
און זינג !

**ער ענטפערט ווידער ס׳זעלביקע:**
ווי קאָן איך זינגען — אז ס׳איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קאָן איך שפּילן מיט פאַרבראָכענע מיט הענט?
וואו זענען מיינע טויטע? איך זוך די טויטע מיינע, גאָט,
אין יעדן מיסט,
אין יעדן בערגל אַש — אָ, זאָגט מיר, וואו איר זענט?

**און ווען ער ווערט ענדלעך באַהערשט פון אומאויסמיידיקן דיכטער־באַפעל פילט ער, אַז דאָס קאָן נישט זיין קיין געליי־טערט געזאַנג, נאָר דורך אים באַדאַרף דערגיין אַ ווייטיק־פולער אויפטרייסלנדיקער אויסגעשריי פון אַ געשאָכטן פאָלק:**

שרייט אויס פון יעדן זאַמד, פון אונטער יעדן שטיין,
זון אַלע שטויבן שרייט, פון אַלע פלאַמען, פון יעדן רויך —
ס'איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס'איז אייער לייב און לעבן! שרייט אַרויס, שרייט הויך!

שרייט אַרויס פון חיות אינגעווייד אין וואַלד, פון פיש אין טייך—
זיי האָבן אייך געגעסן, שרייט פון קאַלכאויוונס,
שרייט קליין און גרויס!
איך וויל אַ גוואַלד, אַ ווײ געשריי, אַ קול, איך ווײל אַ קול
פון אַ ייד,
שריי, אויסגעהרגעט יידיש פאָלק, שריי, שריי אַרויס!

## אָבער צו וועמען שרייען? צום הימל? צו דער זון?

נישט שריי צום הימל — ער הערט דיך ווי די ערד,
דער הויפן מיסט,
שריי נישט צו דער זון, נישט רעד צום לאָמפּ. אַך, ווען איך קאָן
פאַרלעשן זי, ווי מען פאַרלעשט אַ לאָמפּ
אין רוצחים־הייל דאָ וויסט!
מיין פאָלק, האָסט מער געליכטן„ ביסט ליכטיקער געווען!

אַ ווייז זיך מיר מיין פאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט
אַרויס פון גריבער טיף און מיילן לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פאַרברענט,
אַרויף! אַרויף! שטייגט פון דער אונטערשטער,
דער טיפסטער שיכט!

**דער באַרד־נביא וויל אויסברילן דעם יאָמער־רוף פון אַ פאַרפייניקט פאָלק. ס'דאַרף זיך אָנהייבן אַ קאַרנאַוואַל פון אויסגעכישופטע מתים, אַ בלענדענדיק מיסטעריע־שפּיל. דער הימל נידערט אַראָפּ, די ערד ווערט די אַרענע פון עולם התוהו. קיינער טאָר אין אָט־דעם שפּיל נישט אויסגעמיטן ווערן, סיי די געשאָכטענע, סיי די נישט געשאָכטענע.**

**אַמאָל האָט י. ל. פּרץ געשפּינען אַ טרוים פון אַ פיבער־נאַכט: ער האָט אויף דעם אַלטן יידישן מאַרק אינמיטן דער נאַכט אויפגעשלאָגן אַ שפּיל־געצעלט, אַרויסגעפירט די ערדי־שע און הימלישע כנסת ישראל. מיט אָט־דעם שפּיל האָט מאַ־גיש אָנגעפירט אַ פאָלקסזינגער, אַ צעפלאַכטענער בדחן, וואָס איז אַראָפּ פון זינען. ער האָט זיך געווענדעט צו דער געזעגע־נער און אומגעזעגענער יידישער וועלט:**

העי, פון אַלע נאַכט־קוואַרטירן,
פון פעלד און וואַלד,
פון הייל, ריף און שפּאַלט,
פון כּף־הקל,
קום שאָטנדיק געזינדל,
פון טרוים,
שוים
צוזאַמענגעוועבט!
זיין ליבן נאָמענס הייליקער שווינדל...
אַלץ, וואָס טויט און גלבט, עס לעבט...

---

קומט צום אַלטן מאַרק, צום אַלטן מאַרק!

**דער אַלטער יידישער מאַרק איז אָבער היינט פּוסט און וויסט, נישטאָ קיין שום טאָג־אָדער נאַכט־קוואַרטירן און — ס׳פּאָלק איז אויסגעקוילעט... שטייט דער באַרד מיט זיין האַרף אַ צעטומעלטער און גרייט דעם גרויסן וואַנזין־ספּעקטאַקל. פון טרערן וועבט ער אַ פּאַרהאַנג. וועט דאָס זיין אַ מעכטיק שפּיל מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אין גאַז־קאַמערן אויס־געהויכטע נשמות, און אָט רופט ער רעזשיסעריש:**

קומט אַלע פון טרעבלינקע, פון סאָוויבאָר, פון אַשווענטשים,
פון בעלזשיץ קומט, קומט פון פּאָנאַרי, און פון נאָך פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי,
אַ גוואַלד און אָן אַ שטים,
פון זאַמד קומט, פון בלאָטעס איינגעזונקען טיף,
פון פוילן מאָך —

קומט געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע קומט,
שטעלט זיך אויס,
אין קאַראַהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסער רייף —
ייִדעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שוים—
קומט ביינער יידישע פון פּראַשקעס, פון שטיקלעך זייף.

ווייזט זיך מיר, באַווייזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט
איך וויל אייך אַלע זען, איך וויל אייך אָנקוקן, איך וויל
אויף מיין פּאָלק, מיין אויסגעהרגעטן אַ קוק טאָן
שטום, פאַרשטומט —
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף — איך שפּיל!

אָבער איידער ס'הייבט זיך אָן די געשפּענסטהאַפטיקע דע־פּילאַדע פון די געטריבענע, צעמאַלענע און צעריבענע, לאָמיר פריער כאַפּן אַ זייטיקן בליק אויף זיי, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין זייער ערב־טויט־צושטאַנד אינעם פאַרקאַסטנטען געטאָ־מעמד איידער זיי זענען מאַסנהאַפטיק געגאַנגען דעם לעצטן וועג צום קאַלכאויון. לאָמיר זיך באַקענען מיט דער וויא דאַ־לאַראָזאַ, איבער וועלכער זעקס מיליאָן פאַרהאַרעוועטע שטעטל־דיקע יידן, יידן פון אַ גאַנץ יאָר — האָבן אויף זייערע דאַרע פּלייצעס געטראָגן דעם ריזיקן טייוול־קרייץ פון דער גרעסטער וועלט־חרפּה.

אָט באַגעגענען מיר ש. קאַטשערגינסקין; דער דיכטער־פּאַרטיזאַן וואַנדלט ווי אַ דערופּענער איבער די ליידיקע גאַסן פון זיין היימישער ווילנע, דער מיוחסדיקער שטאָט פון הגר״א און יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, דער שטאָט פון מתתיהו סטראַשון, א. מ. דיק, הלמנה ואחים ראָם, אליקום צונזער און זלמן רייזען, דער שטאָט פון באַחנטער יידישער פאַלקסטימ־לעכקייט און אויפגעוועקט יידיש מאַסן־לעבן. דער הימל, וואָס הענגט איבער דעם ווילנער שול־הויף, ווייזט אויס צו זיין אַ בלויער, אָבער פאַר אים, דעם וואַנדערער, איז דער הימל הוי־לער בליי. ער שאַרט זיך איבער די קרומע געסלעך און בעטלט ביי די שטומע מויערן אַ וואָרט. ווער וועט ענטפערן, אַז אַלץ איז אין דער ערד איינגעזונקען געוואָרן. נישטאָ שוין ס'אַמאָ־ליק קאָכיק יידיש לעבן: די פאָנאַר־פלאַמען האָבן אַלץ פאַר־צערט. ער זינגט זיך אַראָפּ פון האַרצן:

איך בלאָנדזשע אין געטאָ
פון געסל צו געסל
און קאָן נישט געפונען קיין אָרט.
נישטאָ איז מיין ליבער,
ווי טראָגט מען אַריבער,
מענטשן, זאָגט כאָטש אַ וואָרט!
עס לויכט אויף מיין היים איצט
דער הימל דער בלויער,
וואָסזשע האָב איך איצט דערפון?
איך שטיי ווי אַ בעטלער
ביי יעטוועדן טויער
און בעטל אַ ביסעלע זון.

אַן עכאָ קומט גאָר פון אַ טיפן בונקער. דאָרט קניט אַ פרוי ביי אַ וויגל און שלעפט זינגענדיק איין אַ פרעמד קינד

מיט אַ געטאָ־וויגליד, געשאַפן דורך דער קדושה לאה רודניצקי. נישט אין היימישער שטוב־וואַרעמקייט פון משפחה־גליק איז אָט־דאָס וויגליד געבוירן געוואָרן; ס׳איז געשאַפן געוועזן צווישן די רויך־וואָלקנס אין פּאָנאַר. מ׳האָט על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועט אַ דריי־יאָריק קינד פון די פלאַמען און פאַר דעם־אָ קינד האָט עס לאה רודניצקי געשריבן אַ וויגליד. נישטאָ די אמתע מאַמע, ס׳איז אויך נישטאָ קיין פאַלשע מאַמע, ווייל ס׳גאַנצע געטאָ איז איינגעהילט אין אַ געטרייער מאַמעשאַפט:

ס׳דרעמלען פייגעלעך אויף די צווייגן,
שלאָף מיין טייער קינד...
ביי דיין וויגל אויף דיין נאַרע
זיצט אַ פרעמדע און זינגט:
ליו־ליו, ליו־ליו, ליו.

ס׳איז דיין וויגל, וואו געשטאַנען
אויסגעפלאָכטן פון גליק,
און דיין מאַמע, אוי דיין מאַמע
קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק
ליו־ליו, ליו־ליו, ליו.

כ׳האָב געזען דיין טאַטן לויפן
אונטער האָגל פון שטיין
איבער פעלדער איז געפלויגן
אין פאַריתומטער געוויין
ליו־ליו, ליו־ליו, ליו.

ווייטער שפּאַנט קאַטשערגינסקי איבער דער אויסגעהוילטער שטאָט און טרעפט כסדר אָן קברים פון קדושים און שפּורן פון טריט, וואָס האָבן געפירט אין פּאָנאַר. אַרום און אַרום האָט דער טויט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגל. ס׳נעמט אים אַרום אַ געפיל פון יראת הכבוד פאַר די שאָטנס פון די אומגעקומענע:

שטילער, שטילער, לאָמיר שווייגן,
קברים וואַקסן דאָ.
ס׳האָבן זיי פאַרפלאַנצט די שונאים;
גרינען זיי צום בלאָ.

ס׳פירן וועגן צו פאַנאַר צו,
ס׳פירט קיין וועג צוריק
און דער טאַטע ווי פאַרשוואונדן
און מיט אים דאָס גליק.
שטילער, קינד מיינס, וויין נישט אוצר
ס׳העלפט נישט קיין געוויין,
אונזער אומגליק וועלן שונאים
סיי ווי נישט פאַרשטיין.
ס׳האָבן ברעגעס אויך די ימען,
ס׳האָבן אויך תפיסות צאַמען,
נאָר צו אונדזער פיין, קיין ברעקל שיין.
קיין ברעקל שיין.

איבערפולט מיט קלעמנדיקע איבערלעבענישן האָט מען זיך געריסן צום ליד. אפשר וועט נאָכן אָפּזינגען ווערן אַ ביסל לייכטער אויפן האַרצן. האָט זיך אויף זיין בוידעם-באַהעלטעניש גענומען צו דער פעדער דער דרייצניעריקער יתום אייזיק פליישער פון ראָזשישטש און איבערגעלאָזט פרימיטיווע סענטימענטאַל-צעצויגענע שורות. דאָס איז אַ זיפצנדיקע גורל-באַטראַכטונג אַליאַ צונזער צוגעווירצט מיט אַ רחמנות-ספּאַזמע אויף זיך אַליין. שפּעטער איז דאָס ליד ברייט צעזונגען געוואָרן ווי אַ פאָלקסמאַטיוו:

ליג איך אויפן קאַלטן בוידעם,
ליג איך שפּעט ביינאַכט;
נישט געגעסן, נישט געטרונקען,
ליג איך דאַ פאַרטראַכט.

די ברידער דערשאָסן, די שוועסטער פאַרלוירן,
אַרים בין איך ווי די נאַכט:
דעם טאַטן פאַרנומען האָט די געשטאַפּאָ —
דריי פאָגראָמען שוין געמאַכט.

דער טויט האָט אַלץ אַוועקגענומען
און מיך געלאָזט אַליין.
און היינט ליג איך אויף דעם בוידעם
ליג איך און איך וויין.

צי בין איך פון אַ שטיין געבוירן?
צי האָט מיך קיין מאַמע געהאַט?

פֿאַרוואָס קומט מיר אַזאַ לעבן,
פֿאַרוואָס האָב איך דערלעבט די צייט?

געהאַט אַמאָל אַ שטוב אַ זאַטע,
וואַרעם, ליכטיק און ברידער אַרום זיך;
און היינט ליג איך אויפֿן בוידעם,
ליג איך און איך וויין.

אוי, אוי, ברידערלעך! אוי, אוי, שוועסטערלעך.
וואו איז אייער געביין?
ס'איז קאַלט צו ליגן, ס'איז שווער צו לעבן,
ליג איך און איך וויין.

אַ ברייט־אַרומנעמענדיק בילד פֿון די מאַוימדיקע געטאָ־פּאַסירונגען און לאַגער־מאַרטירערייַ באַמיט זיך אויפֿצולעבן דער באַגלייבטער עד ראיה מרדכי שטריגלער, וועלכער האָט זיך במשך פֿון זעקס יאָר געוואַלגערט איבער פֿאַרשיידענע געטאָס און לאַגערן, יעדע שעה געזען זיך פּנים־אל־פּנים מיטן מלאך המות און לסוף ניצול געוואָרן פֿון שונאס הענט. פֿאַרן מבול איז זיין נאָמען נישט געווען באַקאַנט. גאָר אַ יינגעטש־קער, דערצו אַ תלמיד חכם, האָבן די לאַגער־איבערלעבענישן אין אים אויפֿגעוועקט דעם שאַפֿונג־דראַנג צו פֿאַרפּיקסירן די ברייטע גיהנום־פּאַנאָראַמע.

ער מעלדעט זיך ווי אַן עדות נישט דערפֿאַר, ווייל עמיצער זאָל אים דערצו אויפֿפֿאָדערן; ער מעלדעט זיך אַליין, אָבער דערביי נישט פֿרייוויליק. עפּעס אַן אינעווייניקסטער כוח טרייבט אים דערצו. אַט־דער פּנימיותדיקער שטויס זאָגט אים אונטער, אַז די השגחה האָט אים אויסגעהיט פֿון טויט איינציק צוליב דעם, אַז ער זאָל די קינפֿטיקע דורות איבערגעבן אַלץ, וואָס ס'איז געשען. דער עדות האָט אַלץ פֿאַרצייכנט אין זיין פּינקס אין דער סכנותדיקסטער צייט, ווען ער האָט נישט געהאַט די מינדסטע האָפֿענונג צו בלייבן לעבן. איצט, נאָכן חורבן, איז ער אָנגעפּראָפּט מיט טיף־דורכגעווייטיקטע איבער־לעבענישן און ער איילט זיך אַלץ־אַלץ איבערצוגעבן אין גע־לייף, מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט שוין אָנגעשריבן פֿיל בענד:

שרייבנדיק האָט דער מחבר דאָן נישט געקאָנט טראַכטן, אַז די שריפֿטן וועלן אַמאָל צוזאַמען מיט אים זען די ליכ־טיקע וועלט. ער האָט געשריבן, ווייל עס האָט אין יענע

גרויל־טעג געמוזט געשריבן ווערן, איבערצולאָזן אַן עכאָ פון דעם, וואָס ס'איז געשען פאַר קומענדיקע צייטן; פאַר די, וואָס זענען לעבן געבליבן.

**אָבער דער שגעונדיקער פּיין־וועג האָט ביי אים צוגערויבט אַלע פאַרצייכענונגען, און ווען די באַפרייאונגס־שעה האָט געשלאָגן, איז ער קוים אַרויס מיטן נאַקעטן לעבן, אָן אַ לעבעדיקן אות ביי דער נשמה:**

די באַפרייאונג האָט אים געטראָפן מיט ליידיקע הענט, אָן דעם גרויסן באַגאַזש מיט כתבים, וואָס ער האָט אָנגעמיט און אַרויסגעבלוטיקט פון זיך אַרויס. ער האָט דאָן שוין אויך געזען זיין וועג אין לעבעדיקן אַקטיוו־צאַפּלדיקן קוואַל פאַרן אויפלעבן פון דאָס ניי, פאַרן אויפרייסן די קייטן פון שווידערלעכן יידישן סך־הכל; ער האָט עס אויך אָנגעהויבן צו טאָן אויף דעם קללהדיקן דייטשישן באָדן, ווי וועלנדיק אַנטלויפן פון זיין גרויזאַמען פעדער־חוב... מיט געוואָלט האָט ער געפּרוואווט צושטאָפּן יענע אָפענע מאָנונג אין זיין הארץ און טויב געמאַכט זיין געהער פאַר די מיליאָנען זעאונגען און געפילן, וואָס האָבן צוריק אויפגעשטורעמט אין אים, זיך אויסגעלשונט זיין אייגענע שפראַך און זיך געריסן דורך אַלץ אין אים צו געזען און געהערט ווערן...
איז פאַר אים געבליבן איינער פון די צוויי וועגן: פאַרגעסן... אַלץ פאַרגעסן אָדער צוצושמידן דאָס גאַנצע ביסל יינג־געבלעבענע לעבן צו דעם טרויעריקסטן שרייבטיש פון אַלע צייטן.

**אָן אָנגעלאָדענער האָט ער אָבער באַלד איינגעזען, אַז ס'איז פאַר אים נישטאָ קיין אויסוואַל; אַז דאָס אויפסנייאיקע צייכענען די פייער־־מגילה איז פאַר אים אַ דערטערמינירנדיקער אַקט, פון וועלכן ער קאָן זיך אַליין נישט באַפרייען און אָן וועלכן זיין ווייטערדיק לעבן האָט נישט קיין שום זינען. מ'דאַרף זיך אַלץ איבערדערמאָנען, ס'טאָר גאָרנישט פאַרהוילן ווערן פאַר די קינפטיקע דורות:**

מיט נאַאיווער קינדישקייט האָט ער זיך נאָך געוואָלט איינרעדן, אַז ער האָט דעם אויסוואַל אין די הענט; אַז ער קאָן נאָך באַשטימען... דאָן, ווען די פּלוצים־אויפגעוואַכטע זכרונות פון פאַרטייע, האָבן שוין לאַנג אַרויפגעלייגט די חתי־

מה אויף זיינע קומענדיקע טעג, נעכט און יאָרן... און אַנט־
לויפן פאַר זיי איז נישט מעגלעך געווען...

**פאַרצייכנט ער בחפזונדיק מיט אַ בליצאיילעניש אַלע זיינע גיהנום־דערפאַרונגען. קודם־כל ווי אַזוי יידן זענען אכזריות־דיק געטריבן געוואָרן פון זייערע אָרעמע שטיבער, און ווי אַזוי זיי זענען געגאַנגען אין לאַגער אַריין. זיי האָבן מיט שטילע טריט געשפּאַנט אין אַ שבתדיקן טאָג און דערביי נישט אָן גלויבן. פאַרקערט — מיט טליתים אונטער די אָרעמס. און ווען ביי אַ ייד האָט געבלוטיקט דאָס פּנים און טראָפּנס בלוט האָבן געטריפט אויפן טלית, האָט ער זיך טיף איינגעבויגן, אַז ער זאָל, חלילה, אום שבת נישט זיין אַ צובע. געגאַנגען איז די עדה אין טיפן שווייגן, אָן דעם מינדעסטן זיפץ; בלויז אַ ווייכהאַרציקער רבי האָט ווי אַ שליח־ציבור געוויינט פאַר אַלע־מען. און דערציילן דערציילט עס שטריגלער ווי אַ געגראַמטע כראָניק, אויס מורא, אַז די ספּעציעלע דיכטערישע אָפּווייכונ־גען זאָלן נישט פאַרטונקלען דעם גרויליקן אמת :**

די ס. ס. איז ווייטער געלאָפן איבער די הייזער, די בוידעס
ווי אַ יום־טוב אויף וועלכן ס׳וואַרטן לאַנג די שדים.

אויפן מאַרק האָבן זיך געוואַלגערט די ערשטע פרי־געשאָסענע...
קינדערשע קעפּלעך עטלעכע, מיט בלוט פאַרגאָסענע.

און אונטער די דראָטן — די ערשטע, אָנגעכאַפּטע מענגע...
ס׳טאָר נאָך צוויי — קיין מינוט נישט דויערן לענגער !

אַזוי איז דער באַפעל געווען פון געסטאַפּאָ־שעף
האָט מען געכאַפּט אַזוי... לויטן בלויז, צופעליקן טרעף...

דער פרעזעס האָט אפילו די ליסטע זיינע צוגעגרייט;
געוואָלט מיר זאָלן גייען זוכן... געוואונען צייט...

נאָר יענער מיט זיין האַרטן געסטאַפּאָישן שטייגער:
פיר טויזנט יידן — פונקט ביז צוויי אַ זייגער...

האָסטו דאָס מיסטזאַק פאַרשטאַנען ! ?
און יעצט טראָג זיך מיט דיינע כלבים אָפּ פון דאַנעט...

איז נישט מעגלעך געווען צו קלויבן, צו בראַקירן...
אונטערגעקומען אַ ייד — מוזטו צום פּלאַץ אים פירן...

ס׳קוקן אויגן פון אַלע זייטן — און דו ביזט ערב דערפאַר ו
נאָר דאַך האָט ווי געטאַן, געשניטן דאָס האַרץ;

ווי און ווי ווען איר וואָלט געזען דאָס בילד!
פאַרויס איז געגאַנגען בערעלע — די באָרד געגלעט זיך מילד,

ווי ער וואָלט אַליין דאָ געמאַכט אַ שפּאַציר...
אסתרן האָט מען פאַרגעסן אונטער דער געפּראַלטער טיר...

און הערשל זשימנאַוודא — גייט און איז מתפּלל
און טאַפּט מיט הענט דאָס גליק — דעם עטרותדיקן טלית —

און ס׳שטראַלן גאָר ביי אים די פאַרבלוטיקטע אויגן! — — —
דעם קאָפּ געהויבן גלייך, האָט ער אים פּלוצים פאַרויס געבויגן.

ס׳האָט פון פּנים געטריפט אים בלוט — און טלית
האָט ער רויט פאַרדייעט
בייגט זיך הערשל איין: נישט זיין היינט קיין צובע...

און דעם ווייסן מעכלס גרוי האָט ווייטער קלוג געשוויגן
ווי ער וואָלט געחקרנט זיך, אויב דאָס אַלץ דאָ איז נישט ליגנטי.

בלויז דער ווייכער „עמך״ — רבי יאַסעלע קאַלכשטיין
איז געוואָרן דער שליח־ציבור פאַר אַלעמענס געוויין — — —

ס׳איז געווען אַן איינגעזעסענע עדה, וואָס האָט במשך פון פיל הונדערטער יאָרן זיך ענג צונויפגעלעבט מיטן לאַנד־שאַפט און שכנים. טאָג־איין טאָג־אויס האָט מען זיך געגרוסט מיט זיי. זייערע קינדער האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען; דורות־לאַנג האָט מען צוזאַמען געהאַנדלט און געוואַנדלט, געאַרבעט און צוזאַמען ס׳לאַנד פאַרטיידיקט. איצט ווערט אָט־די עדה דורכן געמיינזאַמען שונא ווילד אויסגעריסן מיטן וואָרצל. צי וועט אָבער דער מער זיכערער שכן פאַרלייכטערן דעם ביטערן גורל פון דעם אומגליקלעכסטן שכן? צי וועט ער כאָטש לאָזן אַ מיטגעפיל־טרער?

**שטריגלער דערציילט ווייטער כראָניקאַרטיק די נאַקעטע וואַרהייט:**

פאַר זיי איז היינט אַ יום־טוב, פאַר די שכנים
פון זיי וועט מען נישט אַ ריר טאָן אַט־דאָ קיינעם

זיי שטייען אַקעגנאיבער דעם דראָט־געצוימטן פלאַץ
מיט פריילעכן און נייגעריקן צושויער־געשוואַץ

און זעען צו, ווען מ׳האָט דאָרט אַלץ געפאַנגען...
מ׳לערנט זיך פון די וואָך־עפּאָלעטן די דייטשע ראַנגען

און מ׳קלערט אַריין אויב ס׳וועט נאָך ווער פון יידן בלייבן...
אַממייסטן קאָכן זיך די אויסגעפוצטע, קיילערשע ווייבער:

— ווי זיי האָבן עס געציטערט איבער יעדער זאַך!
איבער א שיסל...
געבעטן זיך: פּאַרקויפּט! און זיי: מ׳וועט נאָך וואַרטן אַ ביסל...

ווי ס׳וואָלט ביי זיי אַ שטובן־קינד געוועזן...
נאָר יעצט וועט זיי דער דייטש אויסקערן מיט זיין בעזעם...

עמעץ דערזעט די שוואַרצע האָר פון מאָטלען... זיינע ברילן...
און מ׳ווינקט זיך איבער מיט כעסדיקן רציחה־ווילן:

אַ יידל אַוודאַי... טאָ וואָסזשע דרייט ער דאָ זיך אַרום?
אַ גוי ווייזט אָן אַ זשאַנדאַרם מיט אַן אַלץ־זאָגנדיקע שטום;

ס׳זאָל הייסן: אָט איז נאָך איינער... וואָס געהער אַהין...
נאָר יענעם האָט דער גרויסער טאָג געמאַכט שוין מיד

מאַכט ער נאָכלעסיק מיט דער האַנט און זאָגט:
מיר האָבן זיי שוין היינט פאַר אונדזער צאָל גענוג —

און זיי וועלן ביי אַ צווייט מאָל אויך נישט אַנטרינען...
און פאַרוואָגלט צוריק אין זיין טעמפּן, גאַרנישט־קלערנדיקן זינען.

**מאָמענטענווייז באַנעמט שטריגלער אונדזער אומגליק ממש ווי אַ קאָסמישע טראַגעדיע. אונדזער פּיין איז נישט קיין כלאחר־**

ידיקער, אונדזער בזיון — נישט קיין צופעליקער, אונדזער שפלות — נישט קיין אומשטאַנדיקער. ערגעץ־וואו — נישט צו זען מיטן הוילן אויג — ציען זיך די פעדים צו אַ פאַרבאָרגענעם וועלט־פונקט. האָבן מיר דאָך ביז איצט היסטאָריש געטראָגן די וועלט אין זיך ווי אַ פאַטום. איצט איז געקומען דער טאָג, ווען ס׳זעלביקע פאַטום טראָגט אונדז אַוועק פון דער וועלט. צי זע־נען טאַקע די יסודות פון אונדזער ביזאיצטיק וועלט־בילד צע־טרייסלט געוואָרן? צי זענען אויף אַן אמת אָפּגעמעקט געוואָרן אונדזערע ביזאיצטיקע באַגריפן פון „גוטס״ און „שלעכטס״? צי איז דער זון־אויפגאַנג אונדז ווייטער מחייב צו לויבן דעם באַשע־פער? צי דערציילן ווייטער די הימלען גאָטס פראַכט? און אפשר איז שוין געקומען דער טאָג צו פאַרוואַנדלען אונדזערע ברכות אין קללות?

יאָ, אַלע ווינטן האָבן צו אונדז געאָטעמט מיט מיאוסן פאַר־ראַט. אָבער פונוואַנען האָט עס דער אומשולדיק־בלויער הימל גענומען מאָראַלישן כוח מיט גלייכגילט מנוחהדיק זיך צוקוקן צו די אַלע ווילדקייטן? ווי האָט זיך די זון נישט געשעמט שען־קען די רוצחים אַזויפיל ליכט און וואַרעמקייט? זענען זיי נישט געוואָרן דערמיט שותפים צום גייעם, מיליאָנען מאָל אכזריות־דיקן סדום? אָט־די האַרבע שאלה פרעגן כמעט אַלע געטאָ־דיכ־טער: יצחק קאַצענלסאָן, משה שולשטיין, ישעיהו שפּיגל, מרדכי שטריגלער א. אַ. אינעם טאָג פון אומגעריכטן משפט שליידערט שטריגלער מיט צאָרן דער „לעבנסשטראָמיקער״ זון דעם גאַליקן עפּיטעט „אתנן־זונה״ און דעם הימל רופט ער בייסיק „בלויער תם״. אָט לייענען מיר ביי אים דיכטעריש־רייפע פערזן:

די זון האָט — אתנן־זונה — אַ שאַכטל בלוטיקן רויט
שמירט זי זיך דאָס פּנים צו געפונען ביי וועמען חן...
ס׳רוקט זיך אַן די נאַכט, וואָס הייסט זי שטענדיק גיין —
שמירט זי זיך און שמירט די באַשפּרענקלט־געלע הויט...

דער בלוען תם, דער הימל, וויגט אַ וואָלקנס וויג
און זעט נישט ווי ס׳קאָקעטירט זיין טאַכטער רויט־באַשמינקט
זי שמייכלט אָפּגעפּאַרן און שענקט איר גאָלד־גלי פלינק
יעדן סאָלדאַט באַזונדער וואָס זויפט דאָס בלוט פון זיג...

זי גייט מיט זיי אין לעכער, שפּרייזט פאַר זיי פאָרויס
זי קלעטערט מיט אויף בוידעם, ווייזט באַהעלטן־ווענט
און לאָזט איר גאָלדן לייב ווי אַ ליכט אין זייערע הענט —
וואָס גייען רציחהדיק שטורמען יידיש הויז נאָך הויז — — —

ווי אַ שפּיגל אויף די וועגן באַטאַפּט זי יעדנס גאַנג
און טראָגט אַוועק צו אויגן יעדנס בלאַסן שטריק
און שפּיגלט זיך דערביי אין איר וואָלקן־ווייסע שיך
ווי זי וואָלט געזוכט דערפאַר אַ צירונג־שיינעם דאַנק...

גאָר פּלאַסטיש שניידט זיך איין אין זיכרון שטריגלערס אָרי־גינעלע פּאָעמע „דערנאָך", פונעם בוך: „אַ וועלט גייט אונטער". איז דאָס אַן אויסטערליש שטייגער־געמעל פון דעם מין „טויטע נאַטור", אין וועלכן ס'ווערן על־פּי־רוב באַלעבט און דינאַמיזירט פלאַנצן און חפצים. דער שטומער אַרום זאַפּט אין זיך איין אַ סך מענטשלעכע איבערלעבענישן און אין אַ געוויסן אַנגעזע־טיקייט־מאָמענט הייבט ער זיך „געוויינלעך" אָן אויסלאָדן, הייבט אָן צו אונדז רעדן אויף שטום־לשון. בפרט ווערט פאַר אונדז ס'שטומע רעדעוודיק, ווען אַרום אונדז געשען אומגעוויינלעכע זאַכן. מסתמא אויך דערפאַר, וואָס דורך אַ באַזונדערן פלויד גיסן מיר אין זיי איבער אונדזערע אויסגעוואָרעמטע שטימונגען און ס'דאַכט זיך, אַז ווי אַן ענטפער ווינקען זיי זיך איבער מיט אונדז.

די גאַנצע שטעטלדיקע עדה איז פאַרטריבן געוואָרן אין די טויט־לאַגערס און פאַר דעם אַוועקגיין פון דער שטוב האָט זי גענומען מיט זיך דאָס סאַמע נייטיקסטע. ס'רוב זאַכן זענען אָבער געבליבן אין שטוב. באַלד נאָכדעם הייבן די גויאישע שכנים אָן נישטערן איבער די יידישע הייזער, צו רויבן ס'ווערט־פולסטע און איבערגעלאָזן בלויז מינדערווערטיקע זאַכן.

אַלע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן; די שטיבער האָבן פאַר־יתומדיק „געשמאַכט" און צוזאַמען מיט זיי האָבן אויך עלנט גע־גענעצט די איבערגעבליבענע זאַכן. על־פּי־נס האָט זיך אין קע־לער אויסבאַהאַלטן אַ יידיש יינגל מאָטל (דער אויטאָר אַליין) און שפּעטער צוריקגעבראַכט געוואָרן אין זיין היימישער שטוב. ס'האָט אים מיטאַמאָל באַהערשט אַ נאָגנדיק באַנקלעך געפיל: די נאָענטע שטוב־זאַכן, מיט וועלכע ער איז במשך פון יאָרן צו־נויפגעוואַקסן, זענען „איבעראַשט" פון זיין פּלוצימדיק אומקערן זיך. אַ קלייניקייט, אַ גאַסט פון יענער וועלט! זיי באַגעגענען אים מיט אַ קרום־שמייכלדיקער שטוינונג. האַ, פונוואַנען האָס־טו זיך, מאָטל, גענומען? צי ווייסטו, וואָס עס איז געוואָרן מיט דיינע נאָענטע? צי ווייסטו, אַז זיי זענען אַוועק מיט דעם אייבי־קייט־וועג, פונוואַנען מ'קאָן זיך שוין נישט אומקערן? — איז גע־וואָרן אַ גערודער צווישן די היימישע טעפּ, בעקנס, טאַצן, טע־לער, לעפל, קליידער, שטולן, בעטן און שענק. אַלע רייסן זיך צו מאָטלען, אים אויפסניי איבערדערציילן, וואָס דאָ איז געשען,

ווי גויים האָבן לכיתחילה געוואָלט פאַר גראָשענס איינהאַנדלען די טייערסטע יידישע זאַכן, ווייל סיי־ווי־סיי — האָבן זיי געזאָגט, וואַרט אויף יידן דער טויט הינטער דער טיר; ווי מ׳האָט ווילד געשלעפּט די בני־בית, ווי די שוועסטער האָבן ביטער געוויינט אַוודאַי האָבן מיר, שטוב־זאַכן, געוואָלט געטריי מיטגיין מיט אונדזערע באַלעבאַטים, אָבער זיי האָבן זיך עפּעס געאײַלט, אפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף אונדז, מיטגענומען מיט זיך בלויז צירונג און מזומן:

ס׳האָבן יעצט מאַטלען אַלע אין שטוב דערקענט;
די בעטן און די סאָפע, די אויסגעקאַלעכטע ווענט...
אַלע האָבן באַקומען איצט לשון און געהער
אַלע רייסן זיך צום וואָרט, צו דערציילן וואָס מער

פאַר דעם איינציקן, וואָס איז נישט געווען דאָ און צוריקגעקומען,
פונוואַנעט האָבן טעפּ און קליידער אַזויפיל לשון גענומען ! ?
אַזוי ווי זיי, די וואָס מ׳האָט געשלעפּט אין שרעק
— וואָלטן זייער שפּראַך דאָ געלאָזט אין פאַרשטעק

און אַליין אַוועק מיט שטומקייט אויף די ליפּן — — —
אויף טעלער איז געבליבן אַ רעשט פון מיידליש כליפּן
אויף דער קאַמאָד ליגט אַ היימישער, נישט דערשריבענער סוד
בלויז דער אָפענער סידור טענהט ווידער אויס זיך מיט גאָט —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רייסן זיך אַלע צום דערציילן
אויסצוקלאָגן פון זיך דאָס יתומישע זען און הערן
ביז צום לעצטן פאָדעם, ביזן גאָרניש ווערן...

געהער עס אַוודאַי צום קאַפּריזדיקן הומאָר פון דער געשיכטע, וואָס בעת מענטשן זענען געוואָרן פאַרגליווערט אין זייער געפילאָזיקייט, האָט — לויט דער וויזיע פון אַ באַשפּיגן און חיהש געיאָגט יידיש יינגל — די געפרייזטע מענטשלעכע האַרציקייט זיך גאָר באַזעצט אין טויטע קעגנשטאַנדען. איז עס מסתמא אויך נישט קיין צופאַל, וואָס גראָד די טויטע חפצים, דער אַזויגערופענער אימאַבילער אינווענטאַר, טוליעט זיך נאָענט צום עלנטן מענטשן־קינד און וואַרעמט אים אין זיין אומגעטרייער פאַרלוירנקייט.

אַקעגן דעם טעמפּן און „טאַמעוואַטן" הימל, אַקעגן דער

פאַרשייטער "אתנן-זונה"דיקער זון, אַקעגן די באַזויפּט-צעיושע-טע דייטשן און אַקעגן די רציחהדיקע גוישע שכנים ווערט אַזוי אַרום געגעבן אַ בילדערישער שאַנס די היימישע שטוב-זאַכן „אַרויסצואווייזן" ס'מאַקסימום מענטשן-פּריינטשאַפט. און באַ-ווייזן באַווייזט עס שטריגלער מיט דיכטערישער קראַפט, הגם מיט נישט געזעצטער פאָרם.

שטריגלערס פעדער איז אימפולסיוו, זיינע ווערטער הויכן מיט הייסן אָטעם-ברי. ס'איז קלאָר, אַז ער לעבט שעפעריש אין אַ ספערע, אין וועלכער דער גורל הערשט איבער אים. ער קאָן פונעם גורל נישט אַנטלויפן און ווערט פאַרציקט פון די אין זיין געדעכעניש אויפסנייי שטראָמענדיקע געטאָ-און לאַגער-אי-בערלעבענישן. ער מאַכט זיך ווייניק-וואָס פון די קאָנווענציאָ-נעל-פּאָעטישע כללים ריטמיש צו בויען דעם פערז. ער ווערט ממש געטריבן פון אַן אייגענעם האַסט-ריטם און באַווייזט אפילו נישט צו פיילן ס'וואָרט, וואָס ווערט ביי אים געבוירן אין ספּאָנ-טאַנער עמאָציאָנעלקייט.

דער דיכטער-קדוש קלמן ליס, וועלכער איז אומגעקומען נאָך איידער דער רויך האָט אָנגעהויבן שפּאַרן פון די טרעב-לינקער קוימענס, האָט אין די פיינפולע טעג געווענדעט זיין ליד צו דער וועלט. דערצויגן אין ליבעראַלע טראַדיציעס, האָט ער נאָך געגלייבט, אַז ערגעץ-וואו איז פאַראַן אַ וועלט-געוויסן. ער פּרוּווט זיך „געמיטלעך" אויסשמועסן מיט דער וועלט, איר אויפוועקן די ווילדע עוולות, וואָס ווערן אכזריותדיק באַגאַנגען לגבי יידן, וועלכע האָבן דער וועלט געגעבן אַ גאָט. דאָס דאַרף נישט הייסן, אַז דער דיכטער איז נאַאיוו; ער גיט זיך קלאָר אָפּ רעכנשאַפט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ ליד, אָבער אַנדערש קאָן ער נישט, ער מוז זיין וועלט-ווענדונג איינפאַסן אין משקל און גראַם:

איך ווייס ס'וועט זיין נישט מער בלויז ווי אַ ליד
אַ ליד געטאַקט אין משקל און אין גראַם ,
וואָס אפשר וועט עס רייצן דעם געמיט
און אפשר נישט, אַזוי אַ ליד זיך סתם.

ווייל וואָס מעשטיינסגעזאָגט איז דער באַטייט
פון קלאַנג פון וואָרט אין אַנבליק פון דער שווערד,
וואָס פאַכט אַרום פאַרבלוטיקט איבער צייט
און שניידט זיך איין אין אינגעווייד פון דר'ערד.

נאָר פּאַרט איך פּיל עס רייסט זיך אויפגעוואַלט,
אַ וואַלף פון גרוב געפאַנגענער אין וואַלד,
ווי ס'רייסט צום פעלז אַן אָדלער זיך פון שטייג,
פון דעמבן־שטאַם צום בלויען רוים אַ צווייג.

האָט ליס אַוודאַי געהאַט אַ „זיסן טויט" שוין דערמיט, וואָס איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, האָט ער געגלייבט, אַז די וועלט האָט אַ האַרץ, אַז די וועלט־ציוויליזאַציע איז אין תוך הומאַניטאַר, און אַז בלויז איין פאָלק, די דייטשישע וואַנ־דאַלן, האָבן זיך צעווילדעוועט. מ'דאַרף נאָר דער וועלט דער־ציילן וועגן דעם אַלעם און זי וועט זיכער ווערן אויפגעצי־טערט. ער רופט טאַקע פּאַטעטיש:

וואו איז דיין האַרץ און דיין געוויסן, וועלט,
זיך צוקוקן, ווי מערדערלעך מען שמייסט
דעם ייד דערפאַר, ווייל ער האָט אויף זיין פעלד
פאַרפלאַנצט ס'געוויקס פון ליבע און פון גייסט.

דעם ייד דערפאַר, ווייל ער איז בלויז אַ ייד,
און נישט קיין דייטש, קיין אַריער ראַסן־ריין,
און איז אַן קינס צייכן — אַ סעמיט,
וואָס האָט געוואַגט געבוירן גאָט אַליין.

אָ, וועלט, וואָס שווייגסטו וועלט. נעם קוק זיך צו,
ווי ס'ווילדעוועט דער „הון" אויף דיין שוים,
וואָס הנט נאָך טויזנטיאָריקער קולטור
אַנטפּלעקט זיך אין זיין וואַטאַן־בייזער גרוים.

לויט זיינע אידייאישע אויסבליקן איז קלמן ליס געווען לינק, אָבער אין די לעצטע טעג האָט ער זיך באַמיט זיין לינ־קישקייט צונויפפלעכטן מיט יידישקייט. ס'איז אים קאַפּויער געקומען דאָס ריין־יידישע, וואָס ר'האָט אין משך פון יאָרן אין זיך אונטערדריקט. ער האָט יידישלעך אָנגעהויבן צו גלויבן אין כוח פון גייסט:

אָ וועלט, איך רוף צו דיר, און ווער נישט מיד,
כאַטש כ'וויס ווי נאַריש כ'מאַך מיך מיט מיין רוף —
איך בין דאָך טאַקע מער נישט ווי אַ ייד,
וואָס גלייבט נישט בלויז אין כוח פון זיין גוף.

אַ סימן, אַז דער שטיוול טרעט אים גראָב,
און וואו אַ בייטש דאָרט פּאַלט זי אויף זיין הויט,
נאָר איינס, וואָס איך פאַרמאָג נאָך און איך גלויב,
דאָס איז מיין גלויבן אין דעם מאָרגן־רויט.

באַזונדער טיף האָט אין דער חשכותדיקער געטאָ־אַטמאָס־פער אַריינגעדרונגען אברהם סוצקעווער, וועלכער איז אין דער יידישער ליטעראַטור ווייט נישט קיין פּנים חדשות; ער איז אַ דיכטער מיט אַ באַדייטנדיקן פאַרמלחמהדיקן סטאַזש. אָבער שוין ביים איבערלייענען סוצקעווערס ערשט געטאָ־ליד מוז מען מודה זיין, אַז ער איז דיכטעריש שטאַרק אויסגעוואקסן. איז עס אַוודאַי לייכט צו פאַרשטיין, וואָרים די לעצטע זעקס יאָר זענען לויט דער אויסטערלישער געשפּאַנטקייט שקל כנגד אַמאָליקע זעכציק יאָר. סוצקעווער האָט זיך פּאָעטיש געצייטיקט אויפן פאָן פון אונדזער מוראדיקן בראָך, וועלכן ער האָט פיינלעך אָבער ווירדיק און העלדיש אויסגעטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס און איז לסוף אַרויס אַ באַנייטער און געלייטערטער.

די ערשטע יינגליש־געררויטלטע דיכטונג־פּרואוון זענען ביי אים אויפגעוועקט געוואָרן אין די לפי־ערך מנוחהדיקע יאָרן. דער חורבן האָט אים שוין געטראָפן אין טראַנס פון כסדרדיקן שטייגן. ביי מרדכי שטריגלערן האָט בעתן חורבן די „מוזע" אָנגעקלאַפּט צום ערשטן מאָל און פון אים אַרויסבאַקומען אַ געיאָמער פון אַ פאַרוואונדיקטער חיה. אברהם סוצקעווער האָט די שוידערלעכע געטאָ־געשעענישן באַנומען טיף־דיכטעריש און זיי אַרויסגעבראַכט מיט אינעווייניקסטער געלייטערטקייט און טעמפּעראַמענט־געצוימטקייט. ער איז באַלד אַריבער אין דער ספּערע, אין וועלכער דער דיכטער הערשט (לפחות פּאָעטיש) איבערן גורל. און דאָס — דאַכט זיך אונדז — איז ס׳גרעסטע, וואָס קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַ פּאָעט.

ער האָט זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון קיין מאָטיוון־אינוואַזיע, געטריבן פון זיך די אויבנאויף־ליגנדיקער צערייצטקייט־טעמאַטיק. אויסגעמיטן יעדע אויסנווייניקסט־לאָקנדיקע גלאַנציקייט, וואָס איז עלול אַריינצוברענגען אַ פאַלשן קלאַנג, אַריינגעטאָטעמט אין זיך אַלע פּאַסירונגען און זיי לויט אַן אָרגאַניש־דיכטערישן אָפּקלייב איבערגעקאָכט און פאַרנוצט נאָר דאָס נאַרהאַפטיקע. ער גיט זיך איבעריקנס אַליין אָפּ אַ חשבון פון דעם שאַפונג־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין זיין שעפערישן „איך":

אין לעצטן גורל טרייבט אין מיר אַ שטורעם,
אַרויסצוטרייסן יעדן פּלעק אין וויקלדיקן קלאַנג.
און שמעלץ ווי גאָלד מיך איבער אין דיין פורעם,
די פּסולת זאָל זיך אָפּטיילן און בלייבן זאָל געזאַנג.

יאָ, דאָס איז אַ תּפילה פון אַן עכטן דיכטער, פאַר וועמען פּאָעזיע איז עבודה־געזאַנג. פאַרשטייט זיך, אַז סוצקעווער איז דורכגעזאַפּט מיט שנאה צו די דייטשישע רוצחים, ער איז אַזש מיד פון פיינטשאַפט. איז ער דעריבער מתפלל, אַז ס׳זאָל אים געגעבן ווערן ליבשאַפט צו זיין מידער שנאה. און ווי טראַגיש צעשטיקלט און צעפּיצלט אונדזער לעבן איז געוואָרן, פאַרמאָגט עס דאָך אַן עלעמענט פון בענקשאַפט און ממילא איז עס גוט, דאָס הייסט, ס׳איז כדאי געלעבט צו ווערן:

און גיב מיר ליבשאַפט צו מיין מידער שנאה,
צום זשאַווערדיקן טרויער — קלאָרן מוט.
אין לעצטן גורל ברענג מיך אין דער בחינה
צו פילן, אַז דאָס ערגסטע לעבן, אויב עס בענקט—איז גוט.

אויף די געטאָ־פורעניותן קוקט סוצקעווער פון אייגענעם, גאַנץ באַזונדערן ווינקל. ער ברענגט אַרויס דעם ווייטיק נישט דווקא דורך דער געדיכט־שוואַרצער פאַרב און נישט דורך דעם שרייען מיט אַ צעשפּאָלטן קול. זיין וואָרט איז געדעמפט, זיין אָטעם האַלב לופטיק און זיין פערז איז וואווויל — און דערביי שטילקלינגעוודיק ווי אַן איידעלער מעטאַל. לעם דעם מוזיקאַלישן עלעמענט באַווייזט סוצקעווער דער ליריקער אַרויס אַ פיינעם חוש פאַר כמעט גראָטעסק־טראַגישער מאָלערישקייט. דאַרף מען בלי־ספק פאַרמאָגן אַ סך דיכטערישע געשטעלטקייט צו זיין מסוגל ס׳מאוימדיק געטאָ־בילד, אין וועלכן מ׳איז אַליין בלוטיק פאַרשטריקט, באַגלייטן מיט אַ ביטער צעקרומטן שמייכל. זאָגן אים אָוודאַי בלינדערהייט אונטער די קינסטלערישע אימפּולסן צו גרופּירן די עלעמענטן פון אונדזער אָך און ווי געטאָ־מאַרש אויף אַ כמו שאַגאַלישן שטייגער. אַ שאַגאַלישע געפלעכט פון קרומע ליניעס פלאָנטערט מיסטעריעזיש אויס שטעטלדיקע יידן, וואָס קריכן אַרויס פון געהויקערטע קוימענס, שפּרייזן צעפלאָטערט איבער קברימדיקע דעכער, דאַווענען צאַפּלדיק אין תּפילין, גרימפּלען אויף פאַרכישופטע פידלען, טרייבן מיט שווערע אַנגסטן קעלבלעך און שטעקן דערביי מיטן נפש ערגעץ אין אַן אומגעזעענער וועלט. וויפל שאַרפער ווייטיק־ און דערביי שאַגאַלישע חנעוודיקייט, וואָס מאָנט ביים זשאַ־

ווערדיקן טרויער מוט און געמיט, ליגט אויסגעגאָסן אויף דעם בילד:

מיט לאַטעס אויף לייבער צעשניטן אין פּאַסן,
מע טרייבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.
די גאַסן באַגלייטן אויף אייביק געזעגנט
און שטיינערדיק ווערט יעדע גזירה באַגעגנט.

אין תּפֿילן ווי קרוינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפֿס־ייִד אינאיינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַגוסס פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ וועגל.

אָבער וואָס ווייטער זינקט ער אַלץ טיפֿער אין טרויער; די אָקאָרשט געשילדערטע עדה ווערט ביסלעכווייז פֿאַרוואַנדלט אין שאָטנס, וואָס ווערן מיט יעדן טאָג מער איינגעשרומפּן.

אין אַ געפּרעסטער פֿאָרם, מיט גרויס וואָרט־קאָרגשאַפֿט און מיט אומגעפּעלשטן קלאַנג זינגט סוצקעווער וועגן דער מאַ־מעשער לויטערקייט פֿון דער געטרייער לערערין מירע, וואָס איז זיך מוסר־נפֿש פֿאַר הונדערט און דרייסיק עלנטע ייִדישע קינדערלעך אין ווילנער געטאָ. אין דער חרובער דירה שענקט די לערערין מירע די קינדער אַוועק שטיקער פֿון איר אייגן האַרץ. מיט איר אײדל וואָרט און שטראַליקן שמייכל וויל זי פֿאַרטרייבן דעם הונגער און פֿאַרטויבן די טעמפּע קלעפּ פֿון דער רוצחישער האַק, וואָס ווילדעוועט איבער די ייִדישע געס־לעך. אינמיטן דער מערדערישער פֿינצטערקייט שפּינט זי פֿאַר די קינדער אַ ליכטיקן חלום וועגן אַ פֿאַרביק לעבן. אָט־דעם חלום כּישופֿט זי אויס פֿון י. ל. פּרצעס און שלום עליכמס וואונ־דער־מעשׂהלעך. דער חלום איז בלענדנדיק שיין, אָבער מיט יעדן טאָג ווערט די צאָל קינדער ווינציקער:

מע יאָגט איבער חורבות אָן ברויט און אָן פֿייער,
דאָס ברויט איז אַ בוך און דאָס ליכט איז אַ בלייער.
פֿאַרזאַמלט די קינדער אין אַ חרובער דירה,
עס לערנט זיי ווייטער די לערערין מירע.

זי לייענט זיי ווייטער שלום עליכמס אַ מעשׂה,
עס פֿינקלען די קינדער און לאַכן בעת מעשׂה.
זי פֿלעכט זיי מיט בלואינקע סטענגעס די צעפּלעך
און ציילט איר פֿאַרמעגן: הונדערט און דרייסיק די קעפּלעך.

צוגלייך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואַך און זי וואַרט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אַ, ניט ציילן זיי בעסער!
דורך נאַכט האָט דאָ צוואַנציק פאַרשניטן אַ מעסער...

**די צאָל קינדער ווערט כסדר פאַרקלענערט; וואָס כישופ־דיקער עס איז פרצעס אַ מעשה, אַלץ ווילדער איז די נאַצי־בעסטיע:**

ביים לייענען פרצעס דריטע מתנה,
האָט אונטערגעזעגט דאָס געביי די סכנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פאַרטאָג איז געבליבן
פון הונדערט און דרייסיק, בלויז מירע און זיבן.

**איז דאָס אַ וויטיקלעכער סך הכל, פון וועלכן דער אויספיר דאַרף זיין אַן אימהדיק טרויעריקער. אַלע וועגן זענען געשלאָסן, אַרום און אַרום איז דער פלאָם פאַראַשט געוואָרן, אַלע האָפענונגען זענען אויסגערונען, דער עלטערער דור — פאַרוועלקט און דער ייִנגער איז ביז אַ ברעקל אונטערגעזעגט געוואָרן... און דאָך אין אָט־דער איינגעפּאַלענער וועלט פאַרלאָזט דער דיכטער נישט די לעצטע שוועל פון האָפענונג:**

אַזוי ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען
איז מירע אַ בלום — און די קינדערלעך — בינען.
שוין גרוי איז די בלום — און פאַרוועלקט אירע גלידער
נאָר מאָרגן אין טוי, וועט זי אויפבליען ווידער.

**יאָ, דער מאָרגן־טוי וועט אויפפרישן די בלום און די בינען וועלן פון איר ווייטער זייגן האָניק. איז סוצקעווערס האָפענונג אויך אונדזער האָפענונג...**

**ס'איז צו שטוינען, וואָס ביים ריטמיש־פּערזיקן איבערגעבן די געטאָ־שוידערלעכקייטן און דערהויפּט דעם פּיינלעכן הונגער אין די בונקערס און היילן טרעט אין סוצקעווערס לידער אַרויס דער פּלאַסטישער עלעמענט. ער זינגט מאַלעריש; ער זעט די צום טויט פאַרהונגערטע עדה ווי אַ געזעמל פאַרפרוירענע יידן, וואָס ליגן אויף דער גרענעץ צווישן טויט און לעבן. זייער גליוּוער איז נישט קיין שלימותדיקער, ווייל אין געפּריר פּינקלט פונדעסטוועגן ערגעץ דער גייסט; זיי קענען אָבער נישט געזעגענען צום לעבן, ווייל די פאַרשטייפקייט האַלט זיי אין קלעם:**

האַסטו געזען איבער פעלדער מיט שניי
פאַרפרוירענע יידן אַ ריי ?

זיי ליגן אַן אָטעם פאַרמירמלט אין בלאָ
נאָר טויט איז אין זייערע קערפּערס נישט,

ווייל ס׳פינקלט אויך ערגעץ פאַרפרוירן דער גייסט
ווי אַ גילדענער פיש, אין אַ כוואַליע פאַראייזט.

זיי רעדן נישט, שווייגן נישט, יעטוועדער טראַכט,
און די זון ליגט פאַרפרוירן אין שניי אויך ביינאַכט.

עס גליט אויף אַ ראָזלעכער ליפּ אין געפריר,
אַ שמייכל, און קען זיך נישט געבן אַ ריר.

אַ טראַט לעם דער מאַמען ליגט הונגעריק ס׳קינד,
און מאַדנע, זי קען עס נישט זייגן אַצינד.

און עס גליווערט אַ פויסט ביי אַ נאַקעטן גרייז,
און קען נישט זיין כוח באַפרייען פון אייז.

כ׳האָב אַלערליי טויטן פאַרזוכט ביז אַהער
און ס׳קען מיר שוין קיינער נישט וואונדערן מער.

איז עס עפּעס נישט קיין טויט און נישט קיין לעבן; די יידישע וועלט האָט פּלוצים איינגעהאַלטן איראָ טעם. אין דעם כמו־טויט און כמו־לעבן איז מאַגאַזינירט נישט בלויז פּאָטענ־ציעלע נאָר אויך אַקטואַליזירטע ענערגיע, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצען אויסגעלאָשן געוואָרן: זי איז כהרף־עין פאַרגליווערט געוואָרן אין כל־ערליי נישט־אויסגעלעבטע שטייגער־סיטואַציעס און „באַוועגלעכע״ פּאָזיציעס,א ין וועלכע אפילו דער שמייכל און נישט אַראָפּ פון די ראָזלעכע ליפּן נאָר געבליבן „גליען״ אין קאַלטקייט...

סוצקעווער גיט זיך נישט אונטער דער אַלגעמיינער פאַר־שטייפטקייט; ער שטייט ביי אַלע טויט־נסיונות, ווייל אַן אינ־וויניקסטע שטים רופט אים צום אויסדויער. אין די סכנהדיקס־טע מינוטן זוכט ער טרייסט און שטאַרקונג ביי זיך אַליין, ביים אייגענעם דיכטערישן וואָרט און אין דעם אַלגעמיינעם אַרום. ער לאָזט זיך נישט כאַפּן פון קיין געדריקטקייט־שטימונגען און אַוודאַי אַנטלויפט ער פסיכיש פון יעדער אָפּהענטיקייט.

אויב דער הימל איז ליידיק, זוכט ער טרייסט ביי דער ערד. און אַט־אָט האַרט פאַר דער עקזעקוציע בעת ער גראָבט אַ גרוב, שלאָגט זיך זיין רידל אָן אויף אַ ווערמל און צעשניידט עס אויף עטלעכע ווערמלעך, וועלכע צאַפּלען און רייסן זיך צום לעבן. און אָט־דער אויסטערלישער פאַל ערב דער תליה וועקט ביי אים ווידערשטאַנד און פילט אָן מיט מוט און גלויבן:

קומט ווידער די זון אין מיין טונקל געמיט
און אַ גלויבן נעמט שטאַרק מיין אָרעם

אויב אַ ווערמל גיט זיך נישט אונטער דעם שניט
ביסטו ווינציקער דען ווי אַ וואָרעם?

ס׳געטאָ־לעבן איז איינגעטיילט אין אַן „אונטן" און „אויבן". אויבן — קאַכט, מ׳שלעפּט יידן צו דער שחיטה. די לעצטע יידן ראַנגלען זיך מיטן מלאך המות און שטעלן צו־ביסלעך אַ ווי־דערשטאַנד. אונטן — אין די היילן, בונקערס און גריבער איז מען דערווייל אויסגעהיט פון חליף און גאַז, אָבער דער תליון־הונגער ווייזט אַ שטריק. דער הונגער מעקט אָפּ דאָס פּינטעלע מענטש, רייסט איבער די בלוט־פּעדעם, וואָס בינדן די מיט־מענטשן און וועקט נאָכאַנאַנדער שנאה. אין שנאה צו דער איי־גענער חיהשקייט קריגט מען פיינט די סאַמע נאָענטסטע שכנים. אין זיינע רויע באַגערן דערקייקלט זיך דער בונקער־מענטש צו חיהשע ווילדקייטן, נישט איינמאָל קריגט ער מורא פאַר אַן אייגן וואָרט, וואָס קאָן, חלילה, אַרויסגעבראַכט ווערן דורך די פאַרשמאַכטע לעפצן:

דער תליון הונגער ווייזט אַ שטריק
און מאָנט זיין שטייער ביי די שאָטנס,
פאַרשליסט די ריפּן מיט אַ רייף,
און שפּרייט אַ ריח פון געבראָטנס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אויב עס צאַפּלט נאָך אַ וואָרט, —
פאַרשטיקט ער עס מיט שוואַרצער סלינע,
ער שמעקט אין יעדערן דעם טעם
און שפּרייט צום נאָענטסטן אַ שנאה.

און שטילערהייט, בסאַמע סוד,
עס הערט נישט נאָכט, עס הערט נישט קיינער —

ער שפּייזט מ'ט מענטשן־פלייש די נאָז
און שלייפט די אָפּגעטעמפּטע ציינער.

ס'רוב זכרונות, דערציילונגען און לידער פון די געטאָ־שרייבער זענען פול מיט צאָרן אַקעגן אונדזערע האַרצלאָזע שכנים, וואָס האָבן אין די שווערסטע מינוטן פאַרראַטן די יידישע מיטבירגער און שפּאַט־וואָלול פאַרקויפט די ייִנגע לעבנס פון אונדזערע זין און טעכטער. די שכנים האָבן געטריי געדינט אונדזער בלוטיקסטן שונא. סוצקעווער איז אין דעם פּרט אַ גליקלעכער אויסנאַם, אים האָט ס'מזל צוגעדינט: אַ שכנה האָט אים געראַטעוועט און אים באַהאַנדלט וואָרעם ווי אַן אייגן קינד. איז ער גליקלעכער שוין דערמיט, וואָס אנשטאט צו פאַרגרעסערן די שנאה, איז ער גאָר ביכולות צו פאַרברייטערן זיין ליבע צו מענטשן, ער קאָן זינגען אַן אָדע צו זיין נישט־יידישע רעטערין:

ווער ביסטו מיר ליכטיקע באָבע דערצייל,
צו האַלטן באַהאַלטן אַ פרעמדן אין הייל,
און ברענגען מיר מילך אַזוי היימיש און זיס,
אַ שעפּסענעם פעלץ אויף צעפרוירענע פיס,
און מענטשלעכן חלום און וואַרעמען ברויט,
און שמייכל — געזאַנג פון דיין קנייטשיקער הויט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָסט אונטערן דיל מיר געגראָבן אַ הייל,
געבראַכט אַ געלעגער, אַ לעמפּעלע אייל
און לופט מיט דער ווייכקייט פון מאַמישער האָר,
און קינדהייט, וואָס האָט נישט קיין אָרט און קיין יאָר,
אַ בלעטל פאַפיר ווי פון ווינשל דער בליט —
אַ בלעטל, אויף וועלכן ס'זאָל וואַקסן מיין ליד.

און ווען כ'האָב געשפּיגן מיט בלוט אין דער גרוב,
דו האָסט מיט די הענט מיך געטראָגן אין שטוב,
געלייגט מיך אין בעט און גערופן אויף נאַכט
אַ דאָקטאָר, וואָס האָט מיך געהאַרכט און באַטראַכט;
און כ'האָב דיך געזען דורך צעפיבערטן גלי:
דו שטייסט מיט אַ צלם פאַר מיר אויף די קני.

דער תלין הונגער ווייזט אַ שטריק אין די יידישע געטאָשטיבער און מ'פילט ווי דער שטריק שניידט זיך איין וואָס־אַמאָל טיפער אין האַלדז. פאַר די פיבערנדיקע אויגן שווינדלט תמיד

די פּאַרפּילפּאַכטע ברויט־וויזיע. אַלע וועגן פירן צום טויט און אַלע חלומות פירן צום לעבל ברויט. און אָט־דעם הונגער־קאָש־מאַר הענגט דער חלום וועגן אַן אויסגעבאַקן ברייטל ממש ווי די זון איבערן הימל. און ווער איז עס מ׳שטיינסגעזאָגט מסוגל דערלאַנגען צום טעלערל פון הימל.

אויסגעמאָגערטע יידישע קינדער, וואָס לעבן אימפּולסיוו, רייסן איבער אַלע געטאָ־פּאַרצוימונגען אָבי פון דערווייטנס זיך כאַטש זאַט „אָנקוקן" מיטן ברויט־געמעל. און ווער שמו־עסט נאָך, אַז מ׳געפינט אויס ערגעץ אויף אַ בוידעם אָדער אין אַ האַלץ־קעמערל אַ שפּאַרע דורך וועלכער מ׳זעט „יענע" גאַסן, געוועלבער־פענצטער, וואָס זענען אויסגעלייגט מיט פריש גע־בעקס באַשטימט בלויז פאַר די „אַריער". שוין דער סאַמער אָנבליק פון ברויט שאַפט די אילוזיע פון גליק. אַמאָל האָבן שטעטלדיקע קינדער זיך געריסן אין די קינאָס צו זען מיט די אייגענע אויגן „גילדענע שלעסער", וואָס האָבן פאַר זיי עקזיס־טירט בלויז אין דער ספערע פון פאַנטאַזיע. איצט איז די פאַנ־טאַזיע־ספערע שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן, צו איר גע־הערט אויך דער טרוקענער ביסן ברויט. ישעיהו שפּיגל דער־ציילט אין זיין „מלכות געטאָ":

און אַז ביידע, אומעלע און פערעלע זעען ווי זיי זענען גע־בליבן אַליין — לויכטן זייערע אויגן אויף, אומעלע לויפט שנעל צו צום טירל פון קעמערל, ציט אַרויס דעם טשוואָק אויף וואָס די טיר איז פאַרמאַכט. ביידע לויפן זיי גיך אין קאַמער אַריין, לויפנדיק פאַלט פערעלע איבער דער שוועל. זי הייבט זיך באַלד אויף און מיט איר הינקענדיק פיסל לויפט זי נאָך אומע־לען. אומעלע שטייט שוין אָבער אינדערינען, אין דער טונקל־קייט פון קאַמער, נעבן דער וואַנט, וואָס פירט צו דער גאַס צו. אומעלע האָט געפונען אין איר אַ שפּאַרע...

אין דעם הילצערנעם ווענטל זענען פאַראַן צוויי לויזע שפּאַ־רעס, איינע אָפּגערוקט פון דער צווייטער. ביי איינער פון די דאָ־זיקע שפּאַרעס שטייט איצט אומעלע און זעט:

אונטן, אויף דער צווייטער זייט גאַס, קעגנאיבער די דראָטן — אַ קליין געוועלבל און אַ שויפענצטער פון אַ בעקעריי. דאָס אויג, אומעלעס, פאַלט גלייך אין פענצטער אַריין. עס ליגן דאָרט אויסגעלייגט ברוינע ברויט און גלאַנציקע, ווייסע, רונ־דיקע בולקעס. דעם אוצר דאָ האָט נאָך נעכטן אברהמעלע אויסגעפונען, בעת די מאַמע האָט אויף אַ וויילע אָפּגעלאָזן די טיר פון קעמערל. און וואָסער אוצר! אַז מען קוועטשט גוט אַריין דאָס אויג אין דער שפּאַרע קאָן מען זען בעשיינפערלעך: רונדי־

קע, פרישע ברייטלעך און העלע ליכטיקע בולקעס. אפשר פיר גאַנצע ברויט ליגן דאָרט אין פענצטער און אפשר אַ צען בול־קעס, אָדער נאָך מער. די זון שטייט גראָד אַנטקעגן דעם פענצ־טער און שיט איר ליכט טאַקע גלייך אויף די אוצרות. אומעלע קוקט אַזוי מיטן לינקן אויג, און די צונג אין מויל שווימט דער־ווייל אַרום אין שטראָמעלעך פון זיסן שפּייעכץ. אַז ער ווערט מיד מיטן לינקן אויג — שטעלט ער צו דאָס רעכטע, דערנאָך ווידער דאָס לינקע און שפּעטער ווידער דאָס רעכטע. ער דער־זעט פלוצים ווי דאָרט קעגנאיבער האָט אַ האַנט פון אינעווייניק אַראָפּגענומען אַ ברויט. ער גיט אַ זיפץ.

**און דאָ שילדערט שפּיגל אַ סצענע, וואָס דערמאָנט דעם „זיסן" חלום פון די קינדער אין מעטערלינקס „בלויעם פויגל":**

הינטער אים שטייט פּערעלע, ציט אים ביים הענטל און הערט נישט אויף צו בעטן:

— לאָז מיך אויך צו... אַלץ דו... כ'בין אויך הונגעריק.

אומעלע רירט זיך נישט פון אָרט.

פלוצים שרייט ער אויס ווי נישט מיט זיין קול:

— נעם נישט, נעם נישט, נעם נישט!...

קעגנאיבער האָט ווידער די האַנט צונויפגעשאַרט צוויי ברויט און אַ גאַנצע קופּע זעמל. אינעם פענצטער זענען גע־בליבן נאָך צוויי בולקעס און איינאיינציק ברויט.

אומעלע רייסט זיך אַלץ נישט אָפּ פון דער שפּאַרע.

און אַז פּערעלע ציפּט אים עקשנותדיק ביים ערמל און וויל נישט אָפּטרעטן ווערט ער אין כעס און שרייט אויס:

— כ'וויל נישט און שוין. איך נעם עפּעס פון דיין קעז?

דורך פּערעלעס שפּאַרע, דורכוואַנען זי קוקט איצט אַרויס זעט מען אַ קליין קלייטל. דאָרט אינעם פענצטער ליגט פריצה־דיק אויסגעלייגט אַ דרייקאַנטיקער ווייסער קעז, מער נישט. דערפאַר זעט מען אָבער, אַז מען שטעלט זיך העכער אויף די שפּיץ פינגער, אויך אַ פּיצל פעלד, וואו עס פאַשעט זיך אַ קו. ביי אומעלען איז מער נישטאָ ווי ברויט און בולקעס. ער שטייט איצט, אומעלע, און בעט גאָט, אַז די האַנט זאָל מער זיך נישט באַווייזן, ער זאָגט שטילערהייט עפּעס אַ פּסוק, וואָס דער טאַטע האָט אים געהאַט אויסגעלערנט נאָך לאַנג פאַרן גוטאָ. און דער דאָזיקער שפּרוך דאַרף העלפן אויף אַלץ, אַז מען איז קראַנק קאָן ער העלפן, אַז מען איז זייער הונגעריק און מען זאָגט אים מיט כוונה, פאַרשווינדט דער הונגער כהרף־עין. און טאַקע יעצט פליסטערט אומעלע דעם דאָזיקן הייליקן פּסוק און וואָרט. די ברויטן זענען איצט אַזוי נאָענט, די בולקע — ווי אונטער דער

אויף איין בולקע, זעט ער ווי עס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ נאָז. ער זעט אפילו איצט די צוויי לעכעלעך אינעם ברויט. און גרויסע בין. מיט גרויסע שימערירנדיקע פליגעלעך.

— ווילסט נישט קיין קעז אומעלע? הערט נישט אויף אים צו ציפּן פערעלע — לאָז מיך צו, לאָז מיך צו — אַ נישט וועט די מאַמע...

אַלץ יאָ, נאָר זאָל חס־ושלום די מאַמע נישט וויסן דערפון. ניין, די מאַמע זאָל נאָר נישט וויסן, ווייל נישט, איז אַלץ פאַר־לוירן, דער גאַנצער אוצר. מען וועט שוין נישט קאָנען מער אַריינקומען דאָ אין קאַמער און זיך זאַט־עסן מיט די בולקעס און ווייסע לעבלעך ברויט. גוט, ער וועט זי צולאָזן בלויז אויף אַ קליינע ווײַלע, אויף אַ רגע נאָר.

— נאָר נישט לאַנג, פערעלע הערסט? כ׳האָב נישט ליב קיין קעז — רוקט ער זיך פּאַמעלעך אָפּ און קוקט שוין איצטער דורך דער אַנדערער שפּאַרע.

ביידע קינדער האָבן זיך געטוישט מיט די שפּאַרעס. דורך די שפּאַרעס קאָן דאָס אויג אַריבערשווימען אין אַ פרייער, נישט פאַרצוימטער וועלט. בלויז איין שפרונג איבערן פלויט — און מען איז פריי, מען קאָן גיין וואו דאָס אויג גלוסט, אויפן הויף, פון הויף ךאויפן פעלד, אין וואַלד און אַלץ ווייטער און ווייטער. די קינדערשע אויגן שווימען אַרויס פון קעמערל. קודם־כל — קעגנאיבער אין געוועלבל. אומעלע זעט איצט פלאַטשיקן, ווייסן קעז, פערעלע — די לעצטע ווייסע בולקעס. זיי קומען אַזוי נאָ־ענט אַרויף צו דער שפּאַרע, אַזוי נאָענט הינטערן אויג, אַז פּע־רעלע ווישט זיך אַזש איבער די ליפּעלעך, זיי שמעקן אַזוי אַהער מיט זייער באַשיטן דראָבנעם מאָן. דער מאָן איז זיס, פערעלען קלעבן זיך שוין די ליפּן פון עפּעס אַ זיסקייט און זע, זי ווישט מיט דער צונג איבער די ליפּן און טאַקע זי פילט ווי זי וואָלט אַ לעק געטאָן זיסלעכן מאָן...

פערעלע גיט פלוצים אַ געשריי. קעגנאיבער האָט די האַנט אַראָפּגעכאַפּט די לעצטע בולקעס מיטן ברויט... דאָס פענצטער שטייט איצט ליידיק... אומעלע לויפט שנעל צו צו דער שפּאַרע — און טאַקע — ער זעט ווי דאָס קעגנאיבערדיקע פענצטער איז אינגאַנצן פוסט געוואָרן.

**איז דאָס אַ סצענע אַוודאי געשילדערט מיט כוח און קינסט־לערישער ערלעכקייט. אַ פּסיכאָלאָגיש אַריינדרינגענדיק בילד, לגבי וועלכן מ׳וואָלט אפשר נישט געדאַרפט אָנווענדן קיין קינסטלערישע קריטעריע, ווייל ס׳לעכערט אַדורך מיט איר טראַגישן פיין און עלנטער פאַרלוירנקייט.**

דאַכט זיך, אַז אַלע פאַרשונג־אינסטרומענטן פון די כלער־ליי היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן און עקאָנאָמיסטן זענען אינגאַנצן טעמפּ לגבי דעם פּרעציזן וואָרט־אינסטרומענט פון ישעיהו שפּיגל, וואָס עגבערט טיף־טיף אין דעם געטאָ־אָפּגרונט. איז דאָס אַ בילד, וואָס צייכנט זיך אויס מיט געמאָסטנקייט און פּשטות און באַווייזט דערביי אונדז אויפצובּרויזן מיט איר טיפער מענטשלעכקייט.

אין זעלביקן הויז איז געשען אַ גרויס אומגליק. אין גרויס הונגער־פיבער האָט דער טאַטע זיך פאַרגעסן און וואַנזיניק פאַרציקט די קינדערס פּאַרציעס ברויט. פון גרויס בושה האָט ער זיך געוואָלט אָנטאָן אַ מעשה.

אַ שטורעם־ווינט איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אין זיין האַרץ. עס זענען גאָרנישט געווען זיינע הענט, וואָס האָבן די קינדערס פאַרציעס ברויט אין דער טונקלקייט פון קעמערל געשטופּט צו זיך אין מויל אַריין... ניין, ניין... ס׳איז שוין נישט דעמאָלט געווען דער טאַטע... ס׳איז נישט געווען שימעלע, נאָר עפּעס אַ פאַרכישופט געשטאַלט, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון זיינע הענט און מיטן טאַטנס פינגער געריסן דאָס טונקעלע ברויט פון קאַשטן־מעל און באַ־סליניעס עס טניזנטער מאָל; פונעם פולן מויל זענען אַרויסגע־פאַלן נאַסע, צעקייטע שטיקער און געבליבן ליגן אויף זיינע ביידע האַנט־פלאַכן. פונדאַנען זענען זייו ידער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעם מויל, וואָס האָט זיי פאַרצערט אין אַן אימהדי־קער האַסטיקייט. און אַז דאָס איז געוואָרן אָפּגעטאָן, איז ער געבליבן לאַנג שטיין אינעווייניק אין דער פינצטערניש, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די דלאָניעס, אַ פאַרגליווערטער און פינצ־טערער.

די געטאָס שטייען שוין אין פלאַמען, ס׳ברענען די לעצטע שולן אין די פּוילישע שטעטלעך; אַלץ איז איינגעהילט אין איין שרעק, אין איין רעזיגנאַציע, שוין נישטאָ וואָס צו פאַרלירן.

אין דער אַלגעמיינער טויט־שפּאַנונג זענען געווען וואָכן, ווען מען האָט געוואַרט אויפן טויט ממש ווי אויף אַ דערלייזונג, און ווידער זענען געווען טעג, ווען מ׳האָט מיטן געדאַנק אינ־טענסיוו אָפּגעשטופּט דעם טויט פון זיך. יחידים האָבן זיך נאָכאַ־נאַנד גענאַרט, אַז דער אַלגעמיינער טויט־פיבער איז נישט נוגע זיי פּערזענלעך. ס׳חזרט זיך אין לעבן איבער די קלאַסישע טויט־שפּירונגען, געשילדערט אין לעוו טאָלסטאָיס „דער טויט פון איוואַן איליטש״ — פּונקט ווי איוואַן איליטש האָבן די יחי־דים אין געטאָ נישט געקאָנט באַנעמען פּערזענלעך דעם שכל־דיקן סילאָגיזם „אַלע מענטשן זענען שטערבלעך, איך קאַי, בין

אַ מענטש, ממילא וועל איך שטאַרבן״. אַלע יידן אין געטאָ וועלן אומקומען, איך פּלוני בן פּלוני בין אַ געטאָ־ייד, ממילא וועל איך אומקומען״. דער סילאָגיזם האָט זיך די יחידים אויס־געוויזן צו זיין אַבסטראַקט. דער מענטש בכלל איז שטערב־לעך, נאָר איך, דער לעבעדיקער, דער אָט־דאָ שטייענדיקער פּלוני בן פּלוני וועל נישט שטאַרבן. איך האָב נאָך אין לעבן צו דערפילן אַ סך שליחותן, ס׳וואַרטן נאָך אויף מיר אַ סך גע־לעגנהייטן אויסצושוימען מיינע באַגערן און ליידנשאַפטן. ניין, ס׳מוז געשען אַ נס און איך פּלוני בן פּלוני וועל מיך בשלום אַרויסבאַקומען פון מלאך המותעס נעגל. מ׳האָרכט זיך צו צו יעדן טריט, צו יעדן שאָרך פון אַ בלאַט; מ׳קוקט זיך איין אין יעדן שאָטן, טאָמער־טאָמער וועט דאָך קומען די בשורה, אַז איך בין עפּעס אַנדערש, אַז איך ווער אַרויסגענומען פון דער אַלגעמיינער טויט־געפאַר. וועגן גלייבן אין ניסים בכלל איז דאָך אין געטאָ צעזונגען געוואָרן סליד פון כתריאל ברוידאָ:

אפשר וועט געשען אַ נס,<br>
אפשר וועט געשען אַ נס.<br>
אמת יידן, מ׳קען נישט זאָגן:<br>
ס׳איז שווער דעם גורל דורכצוטראָגן —<br>
נאָר אפשר וועט געשען אַ נס — — —

בולטער קומט עס אַרויס ביי שטריגלערן בעת ער צייכנט די סצענע פון גרייטן זיך צום אָפּמאַרש אין די טויט־לאַגערן. מען קוקט זיך איין אין יעדן גרימאַס פון די ס. ס.־תלינים, אפשר וועט מען עפּעס קאָנען פון זיי אַראָפּלייענען. טאָמער וועט ער דאָך באַוויליקן „מיך״ איבערצולאָזן צווישן די לעבע־דיקע. מ׳פּרוּווט זיך אַריינפילן אין דער לאַגע פונעם ס. ס.־קאָמאַנדיר. אפשר טוט ער דאָס קעגן זיין אייגענעם ווילן? ער „מוז נעבעך״... ס׳דאַכט זיך אויס, אַז פונדערווייטנס לויפט גאָר אַ „שטאַפעט״ מיט אַ פּלוצימדיקער גוטער בשורה... ס׳קאָן דאָך באין־אופן אין דער וועלט נישט זיין, אַז מ׳זאָל אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פּאַרווען „מיך״ פירן צום טויט... מ׳סוגעסטיאָנירט זיך אַליין מיט אַ נעפּלהאַפטיקן גלויבן, אַז עס קאָן זיך אַזוי נישט ענדיקן. מ׳רעדט זיך איין, אַז די געדיכטע פינצטערניש איז רק אַ הוילע אָפּנאַרעריי פון אַן אָפּגעשוואַכטער עמפּינד־לעכקייט, אַז אָט־אָט וועט דער קאָשמאַר אַדורכגעבליצט ווערן מיט אַ גליקלעכער בשורה:

... און פונדעסטוועגן שטייט די מאַסע — מאָרגנדיקע סקעלעטן!
און מ׳שמועסט צווישן זיך אַז — גאָרנישט...
אַן האָפענונג איז נאָך אַלץ דאָ.

באשר... יעדן פּנים־צוג שטודירט מען און
מ׳לערנט אַראָפּ דערפון:
זעסטו! ער איז אויפגערעגט! אים אַליין
קאָסט עס ווייניק געזונט, קלערסטו ? !

האָ! „...רעטן״! האָט ער געזאָגט! הערסט נישט אָדער הערסט!!!
פונדערווייטנס לויפט עפּעס אַ מונדיר... פאַרמוחט, פאַרטון:

אַ ציטער לויפט איבער דער ריי אַדורך:
אַ פּאַפּיר... צו... אים... צום שעף !
נישט ביי איינעם העמערט עס אין קאָפּ... בויערט עס אין שלייף:

דער אפשר, וואָס האָט צו דער טאַכטער געלאַכט?
אָדער יענער פון ברילִיאַנט?
ניסים, אויף גאָלד־אָנגעשמירטע רעלסן קאָנען
אַמאָל דאָך קומען !

שטיל — — — טויט אַרום... פאַרשעמט קלעפּט
יעדער צונג צום גומען —
אויסגערעדט שוין אַלץ, וואָס מ׳האָט נאָך געקענט...
יעצט בלויז — וואַרטן.

בלויז איינעם אַן ערשטן, אַן ייד, אַן איינגעשפּאַרטן —
קען מען נישט איינשטילן: ס׳פּאַפּיר איז זיכער
פאַר אים ! פאַר אים !

און דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אָט־די אומפּרעטענ־ציעזע פּערזן צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין באַזונדערער מייסטערשאַפט, בילדערישקייט אָדער וואוילקלאַנג. און דאָס איז בעצם אויך נישט נייטיק. מ׳דאַרף נישט צוקלייבן קיין מאָ־לערישע מיטלען, וואָס זאָלן בולטער מאַכן דאָס בילד, אין דער צייט, ווען די באַשריבענעווירקלעכקייט איז אין זיך גופא אַן אויפשוידערנדיק בילד, דאָס איז אַן אכזריותדיקע נאַקעטקייט, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין שום באַקלייד. פּראָסטע אומצוגע־קליבענע ווערטער, וועלכע שטייגן אין זייער וואַרהאַפטיקייט־תוך איבער אַלע מעגלעכע מעטאַפאָרן. יעדע דיכטערישע צו־געפּוצטקייט וואָלט דאָ געווען אַ פאַרשוועכונג. דער גאַנצער

קלאַפּערגעצייג פון פּאָעטיק מיט אירע „אייביקע" געזעצן איז דאָ אינגאַנצן אַן איבעריקער באַלאַסט. מיט ראַקעטן וועט מען די זון נישט באַלייכטן און אין אַ געדיכט־פינצטערער נאַכט איז איבעריק אַראָפּצולאָזן דעם פאָרהאַנג.

★

אין די לאַגערן איז ס'טויט־געשפּענסט נישט געווען אַזוי שרעקלעך ווי אין די געטאָס. אין געטאָ איז מען מיטן טויט גע־ווען אויף אַ דיסטאַנס, מ'האָט אים געהאַלטן אין איין אויסשפּירן און דערוואַרטן. און וואַרטן אויפן טויט איז פיל פּיינלעכער איידער דער טויט גופא. אין די לאַגערן אָבער איז מען מיטן טויט געשטאַנען אַקסל ביי אַקסל, „געטרונקען מיט אים אַ לחיים" און דערביי האָט מען זיך באַמיט המצאהדיק זיך אַרויס־דרייען פון אים. אָבער אינערלעך איז יעדער איינער באין ברירה געווען מוכן ומזומן אים אויפצונעמען. אָט דער טייל־ווייזער גלייכגילט האָט נאָך מער געטריבן זיך צו באַפעסטיקן אין די דערוויילִיקע לעבנסמעגלעכקייטן.

„... האָט דער גיהנום ברייט אויפגעפּראַלט זיינע טויערן און אויטאָבוסן, אויטאָבוסן, אַ גאַנצע קייט שלענגלט זיך אַריין מיט שטורעם. און פון די אויטאָבוסן וואַרפט מען אַרויס זקנים אָנגעלענט אויף שטעקנס. עלטערע און יינגערע מענער, פאַר־שוויסטע, אַז אַלץ קלעבט אויף זיי. עלטערע פרויען מיט צעשוי־בערטע ווייסע האָר, ווי הינער צאַפּלדיקע פאַר דער שחיטה... יונגע פרויען מיט פּיצלעך קינדער אין קישנס, וועלכע שטיקן זיך מיט זייערע געוויינען... יונגע מיידלעך מיט טויטע שמייכלען אויף די ליפּן, ווי אָפּגעוועלקטע בלומען... קינדער, מיידלעך און יינגלעך, אַ טייל צוגעהעקלטע צו די הענט פון מאַמעס און טאַטעס. און אַ טייל פאַרלאָזענע, העפקר־געוואָרענע, וועל־כע טראָגן זיך אַליין זייערע פּעקלעך. און מען וואַרפט זיי פון אויטאָבוס אויף דער ערד, ווי זעקלעך שמאַטעס. קינדערישע געוויינען מישן זיך אויס מיט זיפצן פון זקנים און זקנות. מען לויפט מיט טראַגעס אַרויספירן די פאַרחלשטע פון היץ און שרעק... אָבער ווער קוקט זיך אויף זיי אום, אַז דער גיהנום ברענט און איז איינגעהילט אין פלאַמען פון האַס און פאַדערט טויזנטער קרבנות אַ טאָג". (**אברהם זווייק — „אותיות און בלוט"**).

**ס'איז צו האָפן, אַז דער הימל וועט אונדז פאַרגעבן די זינד צו זאָגן, אַז אונדזער שפּעדיקע לאַגער־ליטעראַטור, ווי טראַ־גיש איר תוכן זאָל נישט זיין, ליידט אין אַ געוויסער מאָס אויף מעלאָדראַמאַטישקייט. די איבערלעבענישן זענען געווען אַזוי**

אויפטרייסלנדיק, די רציחה פון די דייטשן אַזוי בעסטיאַליש, אַז
ס'איז פאַרשטענדלעך הלמאי מ'האָט צומאָל פאַרלוירן די ניי־
טיקע מאָס ביים צייכענען די לאַגער־פיגורן, אַרבעט־אומ־
שטענדן און מאַרש צום טויט. זענען זיי טאַקע מאָמענטענווייז
אַרויסגעקומען צו ליטעראַריש, איינזייטיק געדיכט־פאַרביקע
געשטאַלטן און נישט זעלטן זענען די רייד פאַפירענע... אין דער
צייט, וואָס אין לאַגער האָט מען זיך פונדעסטוועגן נישט באַ־
פרייט פון פשוטע מענטשלעכע אימפולסן און ליידנשאַפטן.
ס'איז דעריבער נייטיק אַ באַשטימטער אָפּקלייב פון די לאַגער־
שאַפונגען, כדי צו האָבן אַ מעגלעך בילד פון די, וואָס זענען גע־
גאַנגען אין די גאַז־אויוונס.
מרדכי שטריגלער איז אפשר דער איינציקער, וואָס גיט זיך
עפּנטלעך דערפון אָפּ רעכנשאַפט און ווייסט, אַז דער צוגאַנג צו
אַט־דער גרויליקער טעמע טאָר נישט זיין קיין אויפגעבלאָזע־
נער, נאָר דאַרף זיין אַ ריין־מענטשלעכער. אין זיין אַריינפיר צו
די פּראָזע־שילדערונגען „מיידאַנעק" זאָגט ער:
„ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אויך איבער אונדזע־
רע קדושים דאַרף מען שרייבן ווי וועגן **מענטשן** מיט בלוט און
מיט פלייש, וואָס זייער מענטשלעך געשטאַלט בלויז איז גע־
שענדעט געוואָרן טויזנט מאָל אַ טאָג".
„... עפּעס דאַרף דאָך דערציילט ווערן וועגן דעם אינער־
לעכן ווייטיק פון אַ דור אין שוידערלעכן פאַרגיין".
„די וועלט, אפילו די יידישע **ווייסט נאָך גאָרנישט פון דעם**
**וואָס עס איז פאַקטיש פאָרגעקומען, און זי מוז וויסן! מיט אַלע פּיי־**
**טלעך**... ווייל אויך דער גראַנגל פאַר אַ ברויט־ביסן, דאָס
אַריינשמוגלען אַ שטיקל גאָלד, דער טאָג־טעגלעכער און מי־
נוט־מינוטיקער גורל־פּיין, אין וועלכן מ'האָט אָפּט פאַרגעסן
דעם מענטש אין זיך, אויך אַט־דאָס איז געווען דער קידוש
האדם, דער אויסדרוק פון מענטש־מאַרטירער; פונעם **ייד**־קדוש
— גראָד אין דעם טיפּיש־מענטשלעכן, אין דעם קליינלעך־טעג־
לעכן ליגט דער העראָס פונעם גרויסן קדושת־השמדיקן פאַרגיי
פון אַ פאָלק, וואָס איז ווי **מענטשן** געגאַנגען צו דער שחיטה... *)

---

*)
פון אַ באַזונדערן רעפּאָרטאַזש־ווערט זענען די ווערק פון די געטאָ־
און לאַגער־אויטאָרן: וו. גראָסמאַן־וויערניק — „טרעבלינקע", ישראל טאַ־
באַקסבלאַט — „חורבן לאָדזש", דר. הלל זיידמאַן — „טאָג־בוך פון וואַר־
שעווער געטאָ", בערנאַרד גאָלדשטיין — „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ",
אהרן טווערסקי — „איך בין דער קרבן און דער עדות",
יאָנאַס טורקאָוו — „חורבן וואַרשע" און וולאַדקע — „פוןביידע

אַ זייטיקן אַריינבליק אין דער לאַגער־ווירקלעכקייט גיבן אונדז די גאַליקע גראָטעסק־שורות פון דער קדושה הינדע ניי־מאַן־גרין, שורות, וואָס דערציילן לכתחילה וועגן רעזיגנאַציע. מען איז שוין אַזוי ווייט פסיכיש איינגעוואוינט מיטן פינצטערן גזר־דין, אַז מ׳קאָן זיך פאַרגינען צו שפּאָטן אויפן אייגענעם חשבון. אמת, פון טויט וועט מען זיך שוין באַין אופן נישט אַרויסדרייען, מ׳האָט זיך מיט אים שוין פאַרקנסט מיט אַ „לחיים״, אָבער דאָס שטערט נישט, אָדער העלפט גאָר צו אַרבעטן נאַכלעסיק און חוזקן אויס דער ראָסע־העכערקייט פון די תלינים:

מיר זיצן ביים זאַמד־ברעג צופוסנס
און טרינקען לחיים מיטן טויט,
מיר לאַכן פון פעלקערס גרויסן יחוס
און אַרבעטן ווי אין חול־המועד.

דער מצב איז אַן אומאויסוועגיקער. מ׳איז אויסגעשיילט פון אַ וועלכער ס׳איז משפחה־ספערע, מ׳האָט אָנגעוואוירן אַלע נאָענטע און געבליבן עלנט אין דער פאַרדראָטעוועטער לאַגער־

זייטן געטאָ־מויער״, דאָס זענען ווערק, וואָס גיבן ווערטפולן שטאָף דעם פּראָפעסיאָנעל־געשולטן היסטאָריקער, וועלכער וועט פון זיי אַרויסציען די פּראַגמאַטישע שייכותן. אָבער נישט מינער וועלן זיי באַאיינפלוסן דעם קינפטיקן פּראָזאיקער, דיכטער און דראַמאַטורג, וועלכער וועט פון צווישן זייערע שורות אַרויסכישופן ס׳גרויס־קינסטלעריש געמעל, ריטמיש־מוזיקאַלישע קינה און גרויליקע פּאַטום־טראַגעדיע פון אונדזער פאָלקס־בראָך.

דערביי איז אַוודאי כדאי צו דערמאָנען, אַז ס׳האָט זיך אין רבנישער וועלט אָנגעהויבן איינשטעלן דער אַלט־היסטאָרישער מנהג יעדעס ניי־אַרויסגעגעבן הלכה־ספר מקדים צו זיין מיט אַ שילדערונג פון ביטערן חורבן. פאַר אונדז ליגט „ספר שו״ת אביר יעקב״ פון גרויסן געלערנטן אויפן געביט פון הלכה און פילאָזאָפיע הרב ד״ר יעקב אביגדור. אין זיין „ראש דבר״ צום דערמאָנטן ספר לייענען מיר אויף 16 תלמוד־עמודים אַן אייגנאַרטיקע געגנוג אויספירלעכע שילדערונג פונעם חורבן. הרב ד״ר יעקב אביגדור האָט אויף זיין אייגענעם רוקן אויסגעטראָגן אַלע מדורי גיהנום פון די לאַגער־אכזריות־דיקייטן און ער באַמיט זיך אויף אַ רבנישן לשון קדוש קלאָר איבערצוגעבן אַלץ, וואָס ס׳איז געשען מיט אים און זיינע גורל־חברים. זיין „ראש דבר״ דערמאָנט אין אַ געוויסן זין די הקדמה פון דון יצחק אברבנאל צו זיין ספר „מעיני הישועה״ וועגן חורבן בעתן גירוש ספרד. אויך הרב אביגדור הייבט אָן ווי אברבנאל מיט אַ געדיכט־טונקעלער שילדערונג פון חורבן אין געטאָ און אין לאַגער און נאָך די אויסזיכטלאָזע ווערטער „שכמעט כולנו היינו גוססים״, פאַרענדיגט ער מיט אַ טראַדיציאָנעל־גלייביקן „הודות להשי״ת.

זאַגע. אָבער האַרט פאַר די טויט-פלאַמען פאַרלירט מען נישט ס'געמיט, מ'פילט זיך משטיינסגעזאָגט אין אַ נייעם גלגול און ביז דער לעצטער מינוט טליעט אַ פונק האָפענונג, אַז די באַ־פרייאונג וועט דאָך קומען:

די נאָענטע האָבן מיר שוין פאַרלוירן
מיר דרוקן די בילדער צו דער ברוסט,
מיר לעבן ווי אויפסניי געבוירן,
אַזוי ווי עס קאָן אַ לאַגעריסט.

מיר טרינקען מיטן טויט לײם
און בייסן צו פאַרשימלט ברויט,
מיר ציילן ספירה צו באַפרייען
ביים טויער פון פאַרמאַכטן פלויט.

כדי בולטער אונטערצושטרייכן דעם טראַגיש-גראָטעסק־רומל פון אָט-דעם „לחיים" קומט די אָנמערקונג: „צו זינגען מיט דער מעלאָדיע": „מיין טאַטע איז אַ סמאַראָוואָניק". איז דער „סמאַראָוואָניק" אַ גאַסן-ליד פון הוילער הפקרדיקייט, געזונגען פון אײנעם, וואָס איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַלע געזעל־שאַפטלעך מעגלעכע פּאָזיציעס. דער זינגער לאַכט אויס דער לעגאַלער געזעלשאַפטלעכקייט מיט אירע „פאַרהייליקטע" קאָנ־װענאַנסן און גרויסט זיך מיט אַן אייגענעם אָפּגרונט-יחוס.

צו די, וואָס האָבן אפשר נאָכנישט געטרונקען דעם גראָ־טעסק-ביטערן „לחיים מיטן טויט" („טויט" און „חיים" זענען דאָך בולטע ווידערשפּרוכן), נאָר טיף אין זיך געמאַכט מיט אים שלום, געהערן די זינגער פון ד"ר זיגפריד שיינפעלדס ליד „אַ רוח צו זיי אין טאַטנס טאַטן", געשאַפן אין דער געדיכטער לאַ־גער-אַטמאָספער אין לעמבערג. מיטרייבט עקשנותדיק ס'בילד פון ענטגילטן לאַגער-ציל, צו וועלכן יעדער איינער מוז דער־גיין און מ'פאַרנעמט זיך דערווייל מיט טאָג-טעגלעכע לאַגער־זאָרגן. ווען דער ברייטער קרייז שאָטנט זיך אין אומבאַדינגטן טויט, געפינט מען דערווייל פאַרגעסנקייט דורך אַריינטון זיך אין „אויסגעברייטערטן" מיקראָקאָסמאָס. אָט-דער עולם קטן פאַרשטעלט אילוזיאָריש דעם וויסטן בית-עלמן, וואָס לויערט אונטערן רוקן. יאָ, ס'עסן ווערט וואָס אַמאָל שיטערער, ס'פּנים בלאַסער און אויסגעצויגענער, די נשמה הענגט אויף דער שפּיץ נאָז, אָבער דערביי נאַרט מען זיך מיטן קלאָגן אויף דער מאָ־גערער „קעסט" און יעדן קרעכץ באַגלייט מען מיט אַ בייסיקער קללה פאַרן שונא:

די זופּ איז נאָר אַ ביסל וואַסער,
ווער ס'עסט זי ווערט נאָך בלאַסער;
שטאַרבן מוז מען אויך אויף ראַטן,
אַ רוח צו זיי אין טאַנס־טאַטן!

אַ חוץ דער זופּ פון מיטאָג־סטראַווע
גיט מען שוואַרצע ביטערע קאַווע
יידן קען שוין גאָר נישט שאַטן,
אַ רוח צו זיי אין טאַטנס־טאַטן.

**אָרום און אָרום איז חוזק און שפּאָט, הונגער, שמוץ און מגפה. ס'איז אפילו נישט כדאי צו רופן אַ רופא. אויף די אויגן פון דער וועלט גוססט אַ פאָלק מיט אַ צעקרומטן חוזק־שמייכל:**

אויף די פּריטשעס פּיל מיט שכנים
דרויף און דרינטער האָב איך איינעם;
מיט לייז און וואַנצן משא־מתן!
אַ רוח צו זיי אין טאַטנס־טאַטן!

ס'הערשט אין לאַגער אַ מגפה,
אַ שאָד צו רופן דאָ דעם רופא;
שטאַרבט דאָס פאָלק פון געלע לאַטן
אַ רוח צו זיי אין טאַטנס־טאַטן!

**פונעם טויט איז נישט צו אַנטרינען; ס'איז דעריבער נישטאָ פאַרוואָס זיך צו שרעקן, ווייל שפּעטער צו פריער מוז מען צו אים גיין. און דאָ קומט דער טראַגיש־וויסטער חשבון: וואָס איז מישטיינסגעזאָגט פאַר אַ גליק אַזאַ לעבן? וואָס איז דאָ אַ גרויסע שאָד? צוליב וועמען בלייבן לעבן? אָן טאַטע־מאַמע, אָן קינד און רינד:**

און אויב עס פאַלט אויף דער דער גורל,
גיי צום קבר האָב נישט קיין מורא!
מיר זענען אַלע קאַנדידאַטן,
אַ רוח צו זיי אין טאַטנס־טאַטן!

אַליין פאַרבליבן בין איך אַצינדער,
נישטאָ דאָס ווייב, נישטאָ די קינדער;

דאָס געמיט באַדעקט אַ טרויער־שאָטן,
אַ רוח צו זיי אין טאַטס־טאַטן!

איז דאָס אַ רעזיגנאַציע און אַליין־שפּאָט פון אַ גאָר הויכער מדרגה, צו וועלכער נאָר צום טויט־פאַרקנסטע קדושים זענען מסוגל זיך צו דערהייבן.

הגם מ׳פאַרשפּילט זיך דערווייל מיט טאָג־טעגלעכע לאַגער־דאגות, ווייסט מען, אַז ס׳דערנענטערט זיך אונדזער טאָטאַלער אומקום. מ׳טרייסט זיך, אַז אפשר וועט געשען אַ נס און אַ טייל ישראלס קינדער וועלן זיך אַפּראַטעווען. יחידים גייען צום טויט געשטאַרקט מיט גלויבן, אַז ס׳ליד וועט זיי איבערלעבן און פאַרבונדן זייער געדעכעניש מיט די קינפטיקע דורות. אָט ווי ס׳איז געזונגען געוואָרן דער פּאָפּולערער לאַגער־מאַרש פון שלמה גאָלדבערג:

אין דעם לאַגער, אין דעם לאַגער,
סיי אין פראָסט און סיי אין היצן,
אַרבעט ביז צום שוויצן
נאָר אַ פּאַרציע שוואַרצע קאַווע
מעסט דיר אויס דער קאָר געמיטלעך
און שוואַרץ ברויט צוויי שטיקלעך.

אַ זופּ האָט נישט קיין שום חסרון
מחוץ דעם טעם, דעם זאַלץ און פעטן
ערגער ווי דיעטן.
יעדער ווערט גיך געשוואָלן
ווער ס׳עסט די קרייטער־בלעטער
נאָר דער קאָך ווערט פעטער.

נאָר נישט קלאָגן, נאָר נישט וויינען
אפשר וועט געשען אַ וואונדער
פאַר ישראלס קינדער
און אויב דער יחיד ווערט פאַרלוירן,
ווערט נישט טרויעריק! גייט נאָך מוטיק
מיר באַצאָלן בלוטיק.

דער ווייסער שניי וועט גיך פאַרדעקן
די שוואַרצע ערד מיט רויטע פלעקן
פאַרשטומען וועלן קולות
און כאָטש דאָס לעבן איז פאַרלוירן,

וועט דאָס ליד פון לייד געבוירן
פאַר די נייע דורות.

באַזונדער שווער האָט אין לאַגער געמאַטערט דער געדאַנק: צי וועט כאָטש דער קדושים־טויט איבערלאָזן נאָך זיך אַן אָפּ־קלאַנג פאַר דער צוקונפט? צי וועט מען אונדז געדענקען? צי וועט מען נאָך אונדז טרויערן? מיר לאָזן דאָך נישט איבער קיין קרובים און קיין אייגענע. ווער וועט אונדז באַוויינען, ווער וועט אונדז באַקלאָגן? צי וועלן מיר זיך מיט עפּעס איינפלאַנצן אין דער אייביקייט פון אונדזער פאָלק? אין ראַווא־רוסקא איז געוועזן שטאַרק צעזונגען „ס'אייביקע ליד" פון וואָלף סאַמבאַל:

היטלער האָט אַ נעץ פאַרפלאָכטן,
אַ גרויסע שחיטה געמאַכט אַמאָל:
יינג און אַלט האָט ער געשאָכטן
און נישט געבראַכט זיי צו קבר־ישראל.

מוזט אייביק וויינען, טאָרסט נישט רוען
זאָלסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ ייד
טרויער־מעלאָדיע זאָלן דיך ציען
דעם טאַטנס בלוט, עס קאָכט און זידט!

נישט קיין קדיש און נישט קיין יאָרצייט,
עס שניידט דאָס האַרץ נאָך מער און מער:
שענק די יינגע און די אַלטע לייט
מער געוויין און נאָך איין ביטערע טרער.

„ס'אייביקע ליד" רירט אונדז נישט מיט דיכטעריש־ווערסיפיקאַטאָרישן ווערט, נאָר דווקא מיט זיין פולן לעבנס־באַטייט און לעבנס־עכטקייט. און גראָד די מעלאָדראַמאַטישע שפּאַנונג שוידערט אויף ביז גאָר. ס'פּילט זיך הויך־מענטשלע־כער אָטעם.

יצחק אביגדור, אַ יונגער רב פון באָריסלאַוו, וואָס האָט זיך עטלעכע יאָר בלוטיק געראַנגלט אין די דייטשישע לאַגערן מיטן מלאך המות, האָט אַרויסגעגעבן אַ העפט לידער א. נ. „טרערן נישט פאַרטרוקנטע". זענען די לידער קודם־כל אַדורכ־געזאַפּט מיט פּערזענלעכן וויי אָבער אויך באַנומען מיט אַ נאַ־ציאָנאַל־רעליגיעזן אויסבליק. צווישן זיי זענען באַזונדער כאַ־ראַקטעריסטיש „די באַלאַדע וועגן שטיין" און „אלף־בית היעראָ־גליפן". אין גאַנג פון די יסורים איז ער אָפּט געוועזן

דערשיטערט און נישט איינמאָל געבעטן אויף זיך דעם טויט. אָבער אַרויס איז ער פון גיהנום אַ געלייטערטער מיט אומגעבראָכענעם אַלגעמיינעם גלויבן. אויב ער האָט עפּעס יאָ פאַרלוירן, איז די אמונה אין אומגעפּעלשטן קלאַנג פון וואָרט. ס'וואָרט, וואָס איז געווען פון וועלט־אָנהייב און וועט מסתמא אויך הילכן ביזן וועלט־סוף, האָט פאַר אים פאַרלוירן דעם ביז־איצטיקן לויטערן קלאַנג און איז מגולג גוואָרן אין אַ נאַס־קלעפּיקן שרץ. און ער טראַכט זיך אַריין אין דעם קלאַנג־שטאָף פון זיין אייגן ליד. איז דאָס וואָרט נישט אַמאָל געוואָרן אַן אָפּגעריבענע מטבע? קען עס נאָך ערגיץ־וואו דערלאַנגען?

וואָרט<br>
ביסט איצט אַ קאָרט<br>
אַ פאַרשפּילטע.<br>
אַזויפיל ליכטיקע ווערטער פאַרהילטע<br>
מיט שטויב.<br>
און גיי גלויב,<br>
אַז דו וועסט מיט דיינע געזאַנגען<br>
ערגעץ־וואו דערלאַנגען.

וואָרט,<br>
נישט קיין אָרט<br>
איצט אין מיר<br>
פאַר דיר.<br>
איז וואָס־זשע בילסטו ווי אַ הונט פאַר מיין טיר?

אָבער אין לאַגער, אין די סאַמע פיינלעכסטע מינוטן, האָט ער געזוכט טרייסט דווקא אין אייגענעם וואָרט.

אין דער „באַלאַדע וועגן דעם שטיין” גיט ער פּערזונהאַפטיק איבער דעם קאָשמאַר אין מויטהויזן, וואו מ'איז באַרוועסערהייט, אונטער אַ האָגל פון שמיץ און שפּאָט, געטריבן געוואָרן איבער מעסער־שאַרפע שטיינער אין אַ שטויב־נעפּל ממש דערשטיקט צו ווערן. יעדער מוז אַרויסרייסן פון באַרג אַ ריזיקן פעלז און אים טראָגן אויף די אַקסלען. העפטלינגען אָן אַ ריזיקן שטיין אויף דעם אַקסל, וועלן באַלד דערשאָסן ווערן. אים איז אָבער נישט געראָטן אַרויסצורייסן אַ שטיין און ער וויל זיך באַהאַלטן אונטערן פעלז און געפינען אַ דערלייזונג אין טויט:

צווישן האַרטן פעלז־גראַניט<br>
זאָל דער קבר מיינער זיין.

נאָר בלייבן זאָל איך דאָ,
זאָל איך מער ניט דאַרפֿן גיין
אָן אַן אויפֿהער, אָן רו.
געפֿירט פֿון מענטשן־הינט, מיט הינט.
זאָל דאָ שפּעטער דינאַמיט
צעמאָלן ווי דעם שטיין מיין גוף.
און צעשפּרייטן זאָל דערווינט
מיך... ווי אַ פֿאַרך אומעטום.

דער יאוש געדויערט אָבער נישט לאַנג, באַלד דערמינטערט ער זיך אַליין. ער דערהערט אין זיך גאָטס שטים, וואָס טראָגט פֿאַר אים אַרויס אַ ביטערן פּסק, אַ לעבנס־פּסק, וואָס איז שווי־דערלעכער פֿון טויט:

עס זאָל פֿאַרגאָסן זיין דיין הויט,
שווימען אין אייגענעם בלוט און נישט דערטרונקען
זאָלסטו דערין ווערן;
ביסט דורשטיק,
דאַן זאָל דיין מויל די טרערן
פֿון דיינע אויגן טרינקען.
און בלייבן זאָלסטו לעבן
דיין אייגן בלוט אויסלעבן
און בלייבן זאָלסטו לעבן...

פֿון אָט־דעם דעטערמינירטן „על כרחך אתה חי" איז ער שוין באין אופֿן נישט מסוגל צו אַנטרינען. אמת, די משא פֿון שטיין איז אומגעהייער שווער, שניידט זיך ווייטיקלעך אַריין אין אַקסל און אָט־אָט קערט ער זיך איבער, אָבער ס׳געשעט אַ נס. דער שטיין שפּאַלט זיך אין צווייען און אַזוי דערטראָגט ער די העלפֿט שטיין ביז דער פֿאַטאַליסטיש אָנגעצייכנטער לעבנס־מעטע. ער טראָגט דעריבער דאָס לעבן ניש ווי אַ ברכה, נאָר ווי אַ קללה.

אַרויס פֿון לאַגער דערזעט ער די וועלט אַ געפֿאַלענע, אין טומאה זינקענדיקע, וואָס האָט נאָך דעם ציניש מוט צו פּרעפּ־לען אויסגעלאָשענע רייד וועגן קולטורטרעגערײ. עס מוז גע־מאַכט ווערן אַ סוף צו דעם ביז־איצטיקן אויסגעלאָסענעם גויִשן אלף־בית און אויף זיין אָרט אַוועקשטעלן דעם געריי̆ניקטן יידישן אלף־בית. זייער אלף־בית איז: א — איראָפּע אַ פֿאַר־בלוטיקטע; ב — בעלזשעץ — דער טויטן־לאַגער; ג — געלט ווי אַן אָפּגאָט; ד. — דייטשלאַנד, ס׳בלוט־דורשטיקע; ה — היטלער

מיט קראָקאָדילן־ציין און שלאַנגען־גיפט אין צונג; ו — וואַרשע, סיבּרעגענדיקע געטאָ; ק — קרעמאַטאָריעס מיט הונדערטמע־טערדיקע קוימנס; ר — ראַסנטעאָריע, וואָס באַטייט ווידער בלוט; ש — שקצים, קליינע קוויטשנדיקע, וואָס זוכן באַהאַל־טענע יידן. ת — דאָס איז נישט דער סוף, אלף־בית גויש הייבט זיך אָן און עקט זיך קיינמאָל נישט.

פון אַן אַנדער ספערע קומט דער יידישער אלף־בית און ער באַשטרעבט גאָר אַנדערע צילן. דער יידישער אלף־בית איז: א — איז ארץ־ישראל; ב — בנין הארץ; ג — איז גאָט; ד — מיינט מען דיך מיט אַ לאנגער ך; ה — העלד ד. ה. זוכן העלדיש־קייט ביי זיך אַליין; ק — קאַמף; ש — שבועה צו די פאַרשני־טענע יידן נעמען נקמה „פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, פאַר זאַלץ געשיט אויף די וואונדן":

ת — דאָס איז תורה
פאַר אונדז און דער וועלט
אַן מורא...
עשרת הדברות
מיט צען מאָל
וויי און אַך
הויך אויפן קול
לא תרצח ! ! !

דער אלף־בית איז געשריבן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם און ווערט פאַרענדיקט מיט אַ כאָר־רעפריין, וואַריאַנט לויט מ. מ. וואַרשאַווסקיס „אויפן פריפעטשיק":

אַז איר וועט יידעלעך קלוגער ווערן,
וועט איר דאָס פאַרשטיין,
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפל געוויין . . .

דאַרף מען דאָ אַוודאַי פאַרזען דיכטערישע מינוסן און ווער־סיפיקאַציע־חסרונות, נאָר באַוואונדערן די פסיכישע גאַנצקייט פון יינגן רב, וואָס איז אַליין אַדורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום און איז פונדעסטוועגן אַרויס אידייאיש אַן אומדערשי־טערטער, אַ ר' עקיבאשער „נכנס בשלום ויצא בשלום". איז אין דעם בלי שום ספק פאַראַן עכט יידיש וועלטגעפיל און מיסטע־ריעז־יידישע שיקזאַלהאַפטיקייט, לגבי וועלכער אונדזער איי־נער קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק.

סיזענען געווען מאָמענטן, ווען דער טויט האָט באמת אויס־

געוויזן צו זיין די איינציקע גיכע אויסלייזונג פונעם קאָשמאַר. און נאָכמער, אין דער גיהנומדיקער ספערע פון גיפטיקער שנאה און מערדערישער קאַלטקייט דערשיינט פלוצים אַ פּאָר־ליבט פּאָרל, וואָס זעט נישט קיין נאַטירלעכן אויסוועג פאַר זיי־ער ליבע־געפיל און באַשטרעבט די צוגעבונדענקייט צו זיך חתמענען מיט אַן אַקט פון געמיינזאַמען זעלבסט־טויט. זאָגט דערוועגן דער לאַגער־דיכטער ישעהו שפּיגעל:

מיר וועלן אינמיטן נאַכט אַרויסגיין ביידע צו די דראָטן
קיינער זאָל נישט וויסן —
און הייסן דאָרט די ערשטע בעסטע ביקס
צו אונדז שיסן.

ס'איז סיי ווי סיי אונדז ביידע מער דאָ נישט געבליבן,
ווי דעם קאָפּ לייגן אויף די דראָטן.
אַ גרינע נאַכט וועט פאַלן איבער אונדז
אַ גרינע נאַכט מיט שטערן און מיט שאָטן.

אַרומגענומען ביידע מיט די הענט.
מיר וועלן דאָרט ליגן, ליגן...
אויף צופוסנס פון אַ ביקס וועלן נאָך די שטערן
אונדז וויגן, פאַרוויגן...

איז דאָס אַ טויט פון אַ געאָרעמט פּאָרל, דער אַרומיקער גיהנום איז נישט מסוגל איינצולעשן דעם ליבע־פלאַם. די זע־לישע ליבע פון דעם מיט צעגליטע הענט געפלאָכטן פּאָרל פירט צום ביינאַנדיקן לייגן דעם קאָפּ אויף די דראָטן. איז אָט־די געלייטערטע ליבע אַ העראָישער פּראָטעסט קעגן דעם ווילדן האַס פון די פאַרחיהשטע דייטשן. ס'צאַרטע פּרל וועט שטאַרבן מיטן גלויבן, אַז די שטערן אויפן הימל וועלן זיי אין אַ גרינער נאַכט „זיס" איינוויגן צום אייביקן, אייביקן שלאָף...

טויטן־לאַגער...

אָט־דאָס אימה־וואָרט וועט אין געלויף פון לאַנג־לאַנגע דורות זיך קייקלען איבער די טונעלן פון דער יידישער געשיכ־טע און וועקן אומרו אין יעדער יידישער שטוב אין וועלכן וועלט־ווינקל זי זאָל זיך נישט געפונען. אַוודאַי וויסן די פאַר־געלטע בלעטער פון אונדזערע גרויליקע דברי הימים צו דער־ציילן אַ סך מעשים נוראים. די דייטשישע טויטן־לאַגערן מיט זייער אויסטערליש־בעסטיאַלישן אַנטמענטשונג־פּראָצעס און

פילמיליאָניקן מאָסן־מאָרד שטעלן אַוועק אין שאָטן אונדזער גאַנצע ביז־איצטיקע מאַרטירערשאַפט. אָבער די געטאָ־מאַרטירערשאַפט, אַ חוץ דער קלאַסישער קדושת השם, האָט אויך אַ באַזונדער קאַפּיטל פון פאַרעקשנטער קדושת האדם. מ׳האָט זיך דאָרט יעדער מינוט געוואָרגן מיטן ביסל מענטשלעכער חשיבות ביים אומבייגזאַמען באַגער איינצוהאַלטן דעם באַשערטן לעבנסדויער.

אין נאָמען פון אומאויפגעקלערטן לעבנס־באַגער איז מען אין לאַגער אויף אַלץ איינגעגאַנגען, אַלץ פאַרנומען און דערמיט געוועקט ביים שונא שטוינונג און צאָרן. וואָס ווילן אָט־די יידל־קעס? וואָס רייסן זיי זיך אַזוי צום לעבן? וואָס איז דאָס משטיינס־געזאָגט פאַר אַ לעבן? ס׳איז דאָך אַ פּאַמעלכדיקע שווערע גסיסה־כאָרכלעריי! קיין שום ענוים קשים זענען גאָר נישט מסוגל איינצולעשן זייער לעבנס־פלאַם. דער שונא וויל זיי פירן צום קאַלכאויוון ווי געשפּענסטער, וואָס האָבן שוין נישט קיין חלק נישט אין „דער" און נישט אין „יענער" וועלט, און זיי שפּאַנען דווקא ווי מענטשן מיט צוגעבונדנקייט צום עולם הזה און גלייבן אין עולם הבא.

אדם הראשון איז פאַרשאָלטן געוואָרן מיט דער ביטערער קללה פון שווייספּולער אַרבעט אויפן זעטיקן ביסן ברויט. דאָ אין לאַגער איז דער ייד באַשטימט צעשטויבט צו ווערן צווישן די מילשטיינער פון אוממענטשלעך שווערער אַרבעט און אומענטשלעך שווערן הונגער. איז דאָס אַוודאַי נישט נוגע בלויז אַ באַשטימטער צאָל לעבנסדורשטיקע יחידים. ניין, דאָ קומט צום אויסדרוק דער אַלגעמיינער לעבנס־ווילן פון יידישן כלל, פון יידישן פאָלק. און אָט־דער חשק אויסצוהאַלטן און איבערצוהאַלטן פאַרפירט נישט איינמאָל אויף אומשטעגן פון קאַנווענציאָנעלער מענטשן־ווערדע. איז דאָס אַ שפּיל־רוים פאַר אומאויסגעפאַרשטע אָפּגרונט־ליידנשאַפטן, וועלכע דער מענטש האַלט אין איין אַנטפּלעקן אין זיך. אָבער ווי קאָן מען אין אַזאַ מעמד איינשטעלן קריטעריעס פון מענטשלעכע ווערדע, ווען אויף דער צווייטער זייט שטייען טייוולאָנישע רוצחים. האָט טאַקע דער לאַגער־דיכטער מרדכי שטריגלער נישט קיין מוט און העזה קומען צום לאַגער־ייד און פריידיקן מוסר, וואָרים איבער דעם מוסר שוועבט דער אומאויפגעקלערטער שיקזאַל פון פּיינפולן ישראל:

צו אייך, הונגעריקע, קען מען נישט רעדן קיין סך
נישט מ׳זעט אויף אייך אַ שמייכל; נישט מ׳הערט פון אייך אַ לאַך,
דער טויט האָט זיך ביינדלשפּיל געמאַכט פון אייערע גלידער —

וואָס־זשע וועל איך עס דאָ פאַר אייך פּרעדיקן ווידער?!

אַז פון אייערע בגדים זענען געבליבן — בלויז כישוף־צויטן
און פון די אויגן אייערע קוקן אַרויס הונדערט טויטן
ווי אַזוי־זשע קען איך עס שרייבער, פּרעדיקער און נאַר —
אייך פּרעדיקן, משפּטן דערפאַר, דערפאַר און דערפאַר?!

אַרבעט! האָרעווען און הונגער! אויסהאַלטן אין שמוץ,
אין דרעק און קויט...
נאָרמען! שאַפן זאָלט איר! לייסטן מיטן דאַרן זעקל ביינער
און געלער הויט
דאַן, ווען איר בייסט פאַר צאָרן, פון יסורים ביז בלוט די פינגער
און יעדער טריט אייערער פיבערט: כ׳הונגער! כ׳הונגער!!!

**אַט־די יידישע „העזה״ צו לעבן און אָטעמען דאַרף געצאָלט ווערן מיט אַן אויסטערלישׁ הויכער פּרייז. מינדערוווערטיקע באַשעפענישן, וואָס זענען פאַרמשפּט צום טויט און רייסן זיך פונדעסטוועגן צום לעבן, טאָרן זיך נישט באַקלאָגן אויף קיין שום עוולות, אויף קיין ווייטיק, הונגער און דאַרשט. פאַרקערט, זיי דאַרפן ווייליק נעמען אויף זיך אַלע געבערענטע צרות, אַבי פאַרן זאַטן שונא צו באַרעכטיקן די מעגלעכקייט אונטערן לאַסט־געבויגענע ווייטער צו טשלאַפּן מיט די אויסגעדאַרטע פיס אין דער בלאָטע. זאָל דער דייטשישער אַנטרייבער זען, אַז די לע־בעדיקע מתים ברענגען דאָך נוצן מיט זייער האָרעוואַניע:**

הונגעריקע איר? אַז איר ווילט נישט אויפגעבן —
אַז ווייטער ווילט איר זיך שלעפּן... העזה האָט איר צו לעבן —
מוזט איר די העכסטע פּרייז באַצאָלן! מוזט איר אַלץ באַווייזן!
פאַרן יתום בלויז אויפן זאַטנס ערד צו שפּרייזן

און פאַר זיין באַוויליקן בלויז, אויף אייער דאַרן גוף צו קוקן
מישט־זשע שנעל די קעסלען! שלעפּט די משאס! בויג דעם רוקן!
שטופּט גראַנאַט וועגן שווערע באַרג־אַרויף!
צערירט די דאַרע גלידער! טוט די געלענקען אַ צעשרויף!

אַנו, זאָל דער רוטהאַלטער, זען עס און זיין צופרידן:
„ — זיי שאַפן דאָך עטוואָס, די פאַרפלוכט־פאַרדרעקטע יידן!״
טרייבט דעם אָטעם אייערן... קיין מינוט נישט אָפּרוען!
זאָלן גיפט־קעסלען אייער האַרץ פּרעסן!
זאָל עס ביי אייך קרעץ אויסברענען!

ווייל — גאַרנישט... באַשאַפן זענט איר צום ליידן ! —
אַז אַפּרייסן זאָלן זיך די לונגען; אָבער דרייען זאָלן זיך
די אינגעווײַדן...
הונגערט־זשע און טרונקט! זאָל אייער צונג צום גומען קלעבן „
העי, באַצאָלט! באַצאָלט מוז ווערן פאַרן טײַערן לוסט צום לעבן!

**וואוהין פירט דאָס? איז דאָ עפּעס אַ מעגלעכער אויסוועג? ניין, ס׳איז אַ סיזיף־אַרבעט, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדן: ס׳איז אַ חשכות, וואָס ווערט נאָכאַנאַנד געדיכטער. די באַקן פאַלן איין, די אויגן־לעכער ווערן טיפער, די ביינער שטאַרצן אַרויס, די הויט ווערט געל־גערינצלט, מ׳ווערט צוביסלעך אַ סקעלעט. אָבער אַן אינעווייניקסטע שטים זאָגט פעסט אונטער מיט אַלע כוחות אויפצוהאַלטן דעם לעצטן לעבנס־פונק:**

אַלץ אין אייך איז שוין אַזוי פאַרשטייפט פון פריער
אין אייער נשמה איז בלויז פוסטער געהייל
און שדמדיקער געפריר
וואָס מ׳קאָן שוין מיט הונדערטער פייערן נישט דערגליען
איר וועט שוין מיד אַזוי און שלעפעריק דעם שקלאַפן־וואָגן ציען

ביז צוזעצט ווערן! אויפפרעסנדיק קרישקעלעך פון דער
אייגענער גאַל ביז צום פּלאַצן... ביז צום פאַלן —
אייערע טעג! ווען מען זאָל זיי קאָנען טיילן אויף מיליאַרד־טיילן
פון מינוטן
וואָלט אַ טיילכל אַ זעלכעס בכוח געווען צו פאַרסמען די בלוטן
פון איינעם אַ זאַטן אַזעלכן, וואָס גלויבט אייך נישט
און וועט נישט גלייבן
— וואָס איז דען ביי אים אייער טויטע אַרבעט ?
אייער משא הייבן ?

**קהלת, וואָס האָט געפיבערט צווישן לעבן און טויט, צווישן באַגער פון אימפּולסיוון אויסשוימען זיך און פאַרלאַנג זיך איינ־צופלאַנצן אין דער טיפער אייביקייט, איז אין אַ מאָמענט פון אינווייניקסטער צעריסנקייט פלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ ליידנ־שאַפטלעכן לעבנס־אַפּעטעאָז און אויסגערופן: „בעסער אַ לעַ־בעדיקער הונט, איידער אַ טויטער לייב!״ איז דאָס דורכאויס די העכסטע פרייז, וואָס ווערט געצאָלט פאַרן לעבן גופא. באַדיי זיך אָפּזאָגן פון דער מענטשלעכער ווערדע, באַדיי זיך אַראָפּ־לאָזן צו דער נידעריקסטער הינטישקייט, אַבי לעבן, אַבי זשי־פּיען, ווייל ס׳לעבן פאַר זיך גענומען איז כדאַי געלעבט צו ווערן.**

דער העלדישסטער טויט קומט נישט צו די קנעכל פון נבזהדיק־סטן לעבן. אַט־ די געזינונג באַזעלט ס'רוב האַנדלונגען פון לאַגער־ייד, וועלכער וויל באַין אופן נישט שטאַרבן. פירן אפילו אַ שקלאַפן־לעבן, באַלעקן דורכן תליון אַוועקגעוואָרפענעם באַשפּיגענעם ביסן, בייגן דעם נאַקן אונטער דער שווערער משא, אויסשטיין כלערליי דערנידערונגען און בזיונות, אַבי לעבן. מרדכי שטריגלערס וואָרט פאַרקרומט זיך בייסיק איבער אַט־דער לאַגער־מערכה און פאַדערט פונעם לאַגער־ייד, אַז ער זאָל אויפהערן שרייען. אויב מען פאַרבייט אַ שטאָלצן טויט אויף אַ הינטיש לעבן, איז נישטאָ אויף וואָס צו קלאָגן, וועגן וואָס צו שרייען און קאָכן זיך. מ'שרייט ווען ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג, אויב מ'אָנערקענט נישט דעם מלאך־המות ווי אַ דער־לייזער, איז אומזיסט ס'שרייען.

ביי גיפט־שלאַנגען... אייער יעדן מינוט מיט טראַטיל זיך שטיקן,
מיט פּיקרין זיך באַפאַרבן
ניין? איר ווילט נישט? איר ווילט נישט שטאַרבן?
געניסט־זשע! געניסט פון דעם שקלאַפן לעבן, דעם זיסן !
קלייבט פון די אונטער רייכע טישן דעם אַוועקגוואָרפענעם,
באַשפּיגענעם ביסן

און — שרייט נישט! ביי אייער לעבן! און ביים לאָזן
די שלאַנגען־רוט אויף אייער גוף
בויגט זיך נאָך טיפער פאַרן טיפּסטן טיף
און לאָזט שטויסן זיך אין אָפּגרונט, אין די תהומען אָן אַ ברעג
און דערציילט נישט קיינעם... מאַכט נישט אָן קיין שרעק
ביי אַזעלכע, וואָס האָבן עס נאָכנישט געהערט — — —

און אפשר זענען דאָס נישט די רייד פון צעווייטיקטן דיכ־טער, נאָר דער שפּאָט־געהילך פון די דייטשע תלינים, וועלכע קאָנען נישט באַנעמען די לעבנס־תאווה פון די יידן־געשפּענס־טער.

וועמענס אָבער די רייד זאָלן נישט זיין, צו וועלכן צד זיי זאָלן נישט געהערן, זענען זיי בעצם אַ ביטערער חוזק פון דערווירקלעכקייט. אין דער אמתן איז דאָך דאָס נישט קיין פאַר־מעסט פון גלייכע כוחות, וואָס שטעלן זיך "ריטעריש" צום גע־ראנגל. עס איז דאָך דאָס נישט קיין גלייכמאָסיקער קאַמף, וואָס זעט פאַרייס די אָנווענדונג פון דזשענטעלמענישע געפעכט־מיטלען. א פרידלעכער אומבאַוואָפנטער קיבוץ איז באַפאַלן געוואָרן דורך ווילדע האָרדעס, וועלכע שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר

קיין שום רציחה. קיין איינער פון די צעיושעטע באַרבאַרן, אַט־די שלאַנגען־קעפּ, איז מאַראַליש נישט דערוואַקסן אפילו צו די קנעכל פון אַ פּאַרפייניקטן ייד, אַז ער זאָל זיין מסוגל אים צו באַליידיקן. דאָ ווערן איינגאַנצן אָפּגעמעקט די „קאָנווענציאָנאַלע" באַגריפן פון „שטאָלץ", "ווערדע", "מענטשלעכקייט" א. ד. גל. זיי פּאַסן זיך נישט אַריין אין דייטשישן גיהנום. ס׳קאָן באין אופן נישט זיין קיין רייד וועגן איבערנעמען זיך מיט די דייטשע בזיונות, וועלכע זענען מער שאַנד פאַרן שלעגער, איידער פאַרן געשלאָגענעם.

מיט הוילער נאַקעטקייט ברענגט אברהם ווייץ אַרויס אין זיינע דערציילונגען („אותיות אין בלוט") ס׳שוידערלעכע גיהנום־בילד אין די לאַגערס, וואו דער מלאך המות וואַרגט יעדן איינעם דריי מאָל אין טאָג. מ׳ווערט אויפגעקאָכט פון די טריי־געשילדערטע סצענעס פון דייטש־ראַפינירטן סאַדיזם און באַגלייך חיהשער טעמפּקייט. אַט־די רויע שילדערונגען רייסן ממש די אָדערן ביים לייענער און ס׳איז צו שטוינען ווי אַזוי נפשות, וואָס זענען נאָמינעל מענטשן, זענען מסוגל זיך אויסצוטון פון יעדן שפּור מענטשלעכקייט, טאַקע ווי ס׳וואָלט זיי געבוירן אַ משוגענע צויג...

ווייץ שוינט אויך נישט דעם יידישן צד. ער פירט אַרויס יידישע קאַפּאָס אין זייער פולער העסלעכקייט. אָבער לעם די שאַנד־יידן אין די לאַגערס צייכנט ווייץ בעיקר לויטערע קידוש־השם־געשטאַלטן, וועלכע האָבן שוין לאַנג זייערע לעבנס אַוועקגעשענקט דעם רבש״ע, זייער שלייכן זיך אויף דער ערד איז נאָר אַ דערוויילינקס.

מיט מעלאָדראַמאַטישע מיטלען, וואָס זענען געבוירן אין דער באַזונדערער לאַגער־ספערע, שילדערט ער אַ סצענע ווי אַזוי אַ יידנעלטסטער קומט יום כיפור צו „כל נדרי", אין אַ פּראָוויזאָריש לאַגער־שולכל און בעט ביי די צעווייטיקטע מתפללים אים מוחל צו זיין זיינע תלינישע זינד. דער עולם לעבט איצט אין אַ עלית־נשמה־שטימונג, פאַרגעסט דעם אויסטערלישן אַרום און וויל אים נישט מוחל זיין. דערביי ווערן אַרויסגעפירט צוויי עלטערע יידן, וועלכע לייגן אַוועק פאַרן יידנעלטסטער פייערדיקע מוסר־רייד. אין אַט־די שטראָף־רייד רעדט זיך אפשר ווייץ אַליין אַראָפּ פון האַרצן...

נאָר אין דער געשטיקטער לאַגער־סביבה, וואו ס׳שלאָגן זיך בולט אַרויס די ווייס־שוואַרץ קאָנטראַסטן, האָט געקאָנט אויפקומען ווייצס אויפטרייסלנדיקע דערציילונג „אותיות אין בלוט". אין געווימל פון אכזריותדיקייטן און אַנטוישטן אומגלייבן באַווייזט דער פרומער שוסטער קאָפּל גרינבערג פון

דאַמבראָוועֿ איינצוהיטן זיין פרומגלייביקייט. בעת אַ שטרענגער גאַלד־זוכעניש באַהאַלט ער אויס זיין אינטימען „אוצר", דאָס סידורל, אין וועלכן ער דאַוונט שוין פופצן יאָר. ער גייט דער־פאַר אַ נאַקעטער מיטן סידורל אין האַנט צו דער עפנטלעכער עקזעקוציע אויפן שטראָף־ברעט, וואָס איז באַשלאָגן מיט נעגל.

„דער עולם יידן איז געשאַנען אין פיינלעך שווייגן. ביי אַ טייל שטעלן זיך טרערן אין די אויגן, ביי אַ טייל וואַרגן זיך געוויינען אין די העלדזער... הענט פילן זיך אָן מיט חשק אָנצו־כאַפּן מיט די לעצטע כוחות דעם הויפטמאַנס גאָרגל...

---

קאַפּל שוסטער ליגט שוין אַ נאַקעטער אויפן ברעט. זיין גוף — הויט און ביין. ביי די אַקסלען — צוויי גריבער, וואו די ביינער רייסן זיך אין די אויגן אַריין. זיין גאַנצער קערפּער ליגט איינגעקאָרטשעט.

---

באַלד ביים ערשטן טרייסל אויפן ברעט איז אים דאָס סי־דורל אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. עס ליגט אויפן ברעט אָן אויפ־געבלעטערטס, באַשפריצט מיט בלוט".

זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ טשאַטע דייטשישע וועלף, בויט זיך דער ייד אויס אַן אינעווייניקסט־גייסטיקע וועלט, צו וועלכער ער אַפּעלירט. ער גלייבט, אַז ס'שלעכטע איז דאָך נאָר אַ דערוויילִיקע דערשיינונג, וואָס מוז סוף־כל־סוף פאַרשווינדן און אָפּטרעטן ס'אָרט דעם גוטן.

ווענדט ער דעם בליק צו זיין אויסגעחלומט וועלט־בילד, וועלט־געוויסן, אַפּעלירט, רופט און שרייט. יאָ, ער שרייט, ער שלעפּט די טאַטשקע און שרייט, ער בייגט דעם נאַקן אונטער דעם שלאַנגען־רוט און שרייט, ווייל אָן דער מינערונג פון זיין באמת מענטשלעכן כבוד, איז ער באַרעכטיקט צו שרייען...

איז אָט־דער מיידאַנעק־געשריי אַ גלגול פון יענעם געשריי („ויצעקו"), וואָס אונדזער פאָלק האָט האָט אויפגעהויבן אין ערשטן מצרישן אַרבעט־לאַגער. אויך דאָרט האָט מען פאַר־ביטערט ס'לעבן מיט שווערער אַרבעט („וימררו את חייהם"). פונדעסטוועגן האָט דער „שקלאַפישער" געשריי נישט געשטערט אַרויסצוגיין פון מצרישן לאַגער ווי אַ ניי־געבוירן פאָלק גייסטיק צעמענטירט דורך אַ גרויסן גלויבן...

★

און איצט קערן מיר זיך אום צו יצחק קאַצענעלסאָנס אָנגע־קינדיקטער וואַנזין־דעפילאַדע פון די געטריקנטע, צעמאַלענע

און צעריבענע. אייגנטלעך איז זיין געשפּענסט־ספּעקטאַקל צונויפגעוועבט פונעם זעלביקן שטאָף, וואָס מיר האָבן שוין אויבן דעמאָנסטרירט. און זיין בלוטיקע לעגטע פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק איז — אויב נישט המשך — יעדנפאַל — אַ דעטע־רענאָמיום, אַ„דברים״פון דיזעלביקע מאָטיוון, וועלכע מיר האָבן שוין באַהאַנדלט. נישט מער דאָס אויבנפירגעבראַכטע איז אַ מאָזאַיק פון באַזונדערע באַשטאַנדטיילן, און קאַצענעלסאָנס לעגנ־טע איז פּסיכיש־איינהייטלעך מיט אַן אינדיווידועל־בולטן קאָלאָ־ריט. מ׳זעט אַ קאָנוואולסיוו־געצאַפּל פון אַ דיכטערישן גייסט, וואָס איז פאַרשטריקט געוואָרן אין אַ פּייער־נעץ פון אויסטער־לישע גרוילקייטן, וועלכע דער מענטשלעכער שכל איז גאָר־נישט מסוגל צו באַנעמען. די אייגנטלעכע טבע פון פּייער איז וואַרעמען און לייכטן; אין דעם פאַל איז עס אַ פּייער, וואָס בריט און מאַכט בלינד.

אָבער אין אַט־דער אייגענער נעץ־פאַרשטריקטקייט דער־שפּירט ער די גיהנום־פאַסטקע פון זיין פאָלק, מיט וועלכנס גורל ער אידענטיפיצירט זיך לעולם ועד. פּסיכישע צונויפשמעלצונג פון דיכטער־„איך״ מיט דער פאָלק־געמיינשאַפט לאָדנט אַן מיט אחריות און אַזוי אַרום גייט אין אים אויף די גרויסע אינוויי־ניק־דיכטערישע וויזיע פון גוססדיק פאָלק. כדי נאָכמער בולטער צו מאַכן דעם טראַגעדיע־זיווג פון אַ דערשיטערטן דיכטער מיטן אונטערגייענדיקן פאָלק פירט ער כסדר אַרויס וויטיקלעכע פערזן וועגן מאַרטירער־טויט פון זיין צאַרט ווייב חנה און גע־ליבטע זין בן־ציונקע און יאָמקע; אין זייער טויט זעט ער דעם קדושים־אומקום פון גאַנצן פאָלק און פאַרקערט אויך...

אין די גסיסה־מאָמענטן לעבט ער פאַר זיך בילדעריש אויף אַלע שוידער־עטאַפּן, וואָס האָבן געפירט פון געטאָ ביז צום קאַלכאויוון. און ווי יסורימדיק אַט־דער וועג זאָל נישט זיין, פאַרגינט ער זיך פונדעסטוועגן נישט קיין שום דיכטערישן קאַפּי־צת־הדרך. ס׳לעבן פון יעדן ייד איז הייליק און נאָכמער איז הייליק זייער אומזיניקער טויט. ער ווייסט, אַז ס׳פאָלק איז אויסגעהרגעט. עס איז פון אים נישט געבליבן קיין גערייז. זאָל זיין מאַטעריעלער טויט אויך באַטייטן זיין גייסטיקער טויט? ניין! — זיי האָבן איז די פלאַמען אינוועסטירט אַן אומ־עהייערע גייסטיקע פּאַטענץ, וואָס קאָן שוין קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן. אמת, זייער ווירקלעכן איז צעריבן אויף שטויב, ווייל ער ווי דער נביא יחזקאל אויפגעלעבט זייער גייסטיקע פּרצוף־פּנים. „התחיינה?״ — פרעגט ער און פאַנטאַזירט זיך אַליין בלחש: איך וועל זיי דורך מיין אויסטראַכט באַלעבן.

ניטאָ זיי און זיי וועלן דאָ אויף דער ערד שוין מער נישט זיין!
איך האָב זיי אויסגעטראַכט, יאָ אַזוי זיך איך און איך טראַכט
זיי אויס.

ער זעט זיך אינערלעך אַן אַרומגערינגלטער מיט שאָטנס פון נישט־אויסגעלעבטע גייסטער און אומאויסגעשוימטע אימ־פולסן, וואָס באַנעמען נישט דעם זינען פון זייער אכזריותדיקן אומקום און מאָנען שטומערהייט אַ תיקון. און כדי זיך צונויפ־גיסן אינגאַנצן מיטן כלל דערבליקט ער אין יעדן יידס אויסגעי־לאָשענע אויגן דאָס דראָענדיקע מאָנען פון זיינע אייגענע זין:

זע, זע, שטייען אַלע אַרום מיר און ווייט און לאַנג.
און אַלע זיי — אַ שווידער גייט דורך מיר, דורך מיין לייב.
זיי קוקן מיט בן־ציונקעס, מיט יאָמקעס אויגן באַנג,
זיי קוקן אַלע מיט די אומעטיקע אויגן פון מיין ווייב.

קיין שום שטריכעלע טאָר נישט אויסגעמיטן אָדער פאַר־ווישט ווערן; מ'דאַרף אַלץ דערציילן; סיי וועגן גבורה און סיי וועגן געפאַלנקייט, סיי וועגן בלוטדורשטיקייט און סיי וועגן קדושה. זאָל עס בלייבן אַ זכר פאַר די קינפטיקע דורות און אפשר וועט זיך די וועלט אַמאָל באַגיסן מיט בושה. אויב ס'איז דעם דיכטער געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט מיט די אייגענע אויגן צוקוקן זיך צו אַלעם, וואָס ס'איז געשען, וואָלט זיין דיכ־טער־טויט נישט ווערט געווען קיין פרוטה אחת, ווען ער וואָלט פאַר יציאת נשמתו נישט איבערדערציילט דאָס געזעענע:

אני הגבר, איך בין דער מאַן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט,
וואָס האָט געזען,
ווי מען האָט קינדער מיינע, מיינע פרויען, מיינע יונגע
און מיינע אַלטע לייט
אין וואָגענער געוואָרפן, ווי שטיינער זיי אַריינגעשליידערט
דאָרט, ווי שפּען,
און געשלאָגן זיי גאָר אָן רחמנות און גערעדט צו זיי פאַרשייט.

לאָמיר זיך נישט נאַרן, אַז ביי אונדז איז כלומרשט אַלץ [illegible] ריין און לויטער: די ברוינע פּעסט האָט באַוויזן איבער־[illegible] אַ טייל פון אונדזעריקע, וועלכע האָבן שוואַרצ־[illegible] מיט פּאַרטייען איז זיך ס'איינגעזעסן [illegible] [illegible] אפשר געלונגען אַפּציראַטעווען די אייגענע [illegible]. דער חשבון איז געווען אַ פאַלשער, אַבער דערווייל זענען

שוואַכערע כאַראַקטערן לויזגעריסן געוואָרן פון אַלע עטישע געבאָטן און פאַרבאָטן און פאַרלוירן דעם צלם־אלקים.

משומדים און ערב־משומדים מיט די שטיוול גלאַנציק
אויף די פיס,
און אין די היטלען מיטן מגן־דוד ווי אַ האַקנקרייץ זיי
אויף די קעפּ,
און מיט אַ שפּראַך אַ פרעמדע און פאַרגרייזט אין מויל
און גראָב און מיאוס
האָבן זיי פון וואוּנוּנגען געשלעפּט אונדז, געשליידערט
פון די טרעפּ.
זיי האָבן טירן אויפגעריסן און אַריינגעריסן זיך מיט גוואַלט
אין הייזער יידישע, פאַרמאַכטע, מיט העלצער,
אויפגעהויבן אין די הענט,
אויפגעזוכט אונדז און געשלאָגן און צו די וועגענער
געטריבן יונג און אַלט,
אין גאַס אַריין! געשפּיגן גאָט אין פּנים, דאָס ליכט
פון טאָג געשענדט.

נישט קוקנדיק אויף דער וייטערדיקער היסטערישער פּאַ־טעטיק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ דיכטער, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט אַ טשאַטע וועלף, פאַרלירט ער אָבער נישט דעם מוט און ניכטערקייט צו זאָגן אַ פּאָר גאַליקע ווער־טער וועגן די אויסוואורפן, וואָס שטאַמען פון אונדזער סביבה. מיט דער זעלביקער דרייסטקייט צייכנט זיך למשל אויס דער פּוילישער שרייבער קאַזשימיעזש זגנאַן סקיערסקי אין זיין בוך „הונגעריקע סטיכיעס״, אין וועלכן ער ברענגט פּלאַסטיש אַרויס די מאָראַלישע צעפּוילטקייט פון דער פּוילישער קולטור־וועלט בעתן היטלער־מבול.

עס ציען זיך די טויטן־צוגן פון וואַרשע קיין טרעבלינקע. דער מהלך איז נישט זייער וויט. יעדן טאָג פאָרן אָפּ וואַגאָנען אָנגעפּראָפּט מיט יידן און יעדן טאָג קומען די זעלביקע וואַגאָ־נעס צוריק און ווי אַ גיגאַנטישער פּיסק פון מולך פאָדערן זיי וייטער: גיב, גיב מער! ווי די וועלט, די מולך־וועלט, וואָלט זיך פאַרשוואוירן אונדז אינגאַנצן איינצושלינגען פאַר דעם איינציקן „חטא״, וואָס מיר זענען יידן.

אַ שרעק, אַ מורא אימהדיק, אַ פּחד גרויס באַפאַלט מיך,
נעמט אַרום מיך פעסט —

זיי זענען שוין דאָ די וואַגאָנען ווידער! נעכטן ערשט פאַרנאַכט — אַוועק —
און היינט — זיי זענען דאָ שוין ווידער, זיי שטייען אויפן אומשלאַק שוין דו זעסט,
די אָפענע מיילער? זיי האָבן אויפגעעפנט זיי, אַ שרעק!

זיי ווילן נאָך! זיי ווילן ווידער שוין, זיי ווערן גאָרנישט זאַט,
זיי שטיין שוין און וואַרטן — יידן! ווען ברענגט מען זיי אַ הער?
הונגעריקע — ווי זיי וואָלטן נאָך קיין ייד אין מויל אין זייערן געהאַט...
געהאַט! און אז געהאַט איז וואָס? זיי ווילן מערער נאָך,
זיי ווילן מער!

זיי ווילן נאָך, זיי שטייען שוין און וואַרטן ווי געגרייט אַ טיש,
און גרייט צום עסן — יידן! אַ הער זיי, וויפיל ס'וועט אַריין!
יידן! ס'אַלטע פאָלק מיט קינדער יונגינקע, יונג אַזוי און פריש,
יונגע טרויבן פון אַן אַלטן צווייג, און יידן אַלט ווי אַלטער,
שטאַרקער ווייַן.

אָבער דאָס לעסטערן גאָט גייט נישט אַלע מאָל דורך טומאה, ס'טרעפט אַמאָל, אַז גראָד פון יראה הייבט מען אויף אַ פויסט קעגן די הימלען. דורך דער ערשטע פאַטשט זיך דער מענטש אַליין אויס, דורך דער צווייטער פאַרמינערט גאָט אַליין זיין כבוד. נישט איינמאָל האָבן ערלעכע יידן אין געטאָ מיט זייערע נאָבעלע און מסירת־נפשדיקע טאָטן פשוט „דעזאַ־וואוּאירט“ דעם הימל. מיט זייער פלאַמיקן גלייבן אין גאָטס גנאָד און מיט זייער שטרעקן דעם האַלדז צום חליף כדי מיטן אייגענעם נפש מקדש השם צו זיין, האָבן די קדושים דערפירט דערצו, אַז די קאַלטע הימלען האָבן זיך אַליין מחלל געווען...

דערציילט יצחק קאַצענעלסאָן וועגן אַ פאַל, ווען אַ באַנדע דייטשישע רוצחים האָבן זיך ברוטאַל אַריינגעריסן אין אַ שול און מיט שמיץ באַגלייט מיט פרעכן געלעכטער געצווינגען דעם אַלטן שוואַכן רב זיך לאָזן אַריינשפייען אין מויל. דער אַלטער צעבראָכענער, רב, וואָס פילט זיך גייסטיק העכער פון די ווילדע מערדער, נעמט לייכט אויף דעם בזיון, ווייל בעצם איז דאָך דער בזיון נישט זיינער, נאָר דער וועלטס און איר באַשאַפערס...

די הימלען ווערן פאַרשוועכט אָבער דער ייד בלייבט הייליק: די הימלען ווערן פאַרטונקלט, אָבער דער געשענדעטער געליידיקטע הימלען און ווערט ווי אַ לאַזור־קרוין אַרויפגעזעצט ייד לייכט אויף, די בלויקייט ווערט אַראָפּגענומען פון די אויס־אויפן באַשפיגענעם יידס קאָפּ.

דיין הייליקן דיין פנים רבי! פון דיין פנים פאַלט דאָך גרויס
אַ ליכט —
זאָל דיין ליכט אויף זיי נישט פאַלן, זאָל די זון פאַרשייט מטמא
זיין איר שיין,
זאָל דער הימל הויך מחלל זיין זיין בלוי און ווייזן זיך פאַר
זייער טריפהנעם געזיכט
ביסט שענער, רבי, פאַר דער זון און ערלעכער פון הימל, זאָלסט
ווי זיי ניט זיין!

אַמאָל האָט מען זיך אויף דער ערד געיחוסט דערמיט, וואָס מ׳איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים, איצט דאַרף מען זיך אין די הימלען גרויסן מיט דעם צלם־ישראל... ביז אַהער זענען יידן געפאַלן כורעים פאַר די הימלען נאָכדעם אָבער, ווי די הימלען האָבן גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט צו ישראלס פיין און נישט געענטפערט אויף זיינע בלוט־תפילות, דאַרף זיך דער הימל בוקן צו דער אדמת קודש פון געטאָ און לאַגער...

אין דער פויליש־חסידישער וועלט דערציילט מען וועגן דעם זעלטענעם בעל עבודה ר׳ משהלע ראָזוואדאָווער, אַז ער האָט מיט זיין לייבן־געשריי און באַגלייך מתיקות שטענדיק באַוויזן שטורמיש מיטצורייסן דעם עולם מתפללים. ווען ר׳איז געקומען צו די ווערטער אין סליחות: „והנה כל הגוים שלוים ושקטים ועמך ישראל דווים, סחופים ומדולדלים״ (אַלע פעלקער זיצן רואיק און זיכער, און דיין פאָלק ישראל איז צעווייטיקט, פאַרוואָגלט און אָפּגעבראָכן), האָט דער גאַנצער עולם מיט אים מיטגעבֿרילט ווי אַ פאַרוואונדיקטער לייב. אין וואָס איז באַשטאַנען זיין כוח? אויף דעם ענטפערן חסידים — אין נגינה און בכיה. ער האָט באַוויזן צו פאַרייניקן זיין לויטער הימל־געזאַנג מיט אַ טיפן געיאָמער פון אַ פאַרבלוטיקטער חיה. אויף חסידיש לשון האָט מען עס אויסגעטייטשט, אַז ער האָט אַ שורש פון ירמיהס וויינענדיקער נשמה. מיר וואָלטן ריזיקירט מיט דער סברא, אַז יצחק קאַצענעלסאָן האָט אַ שורש אין ר׳ משהלע ראַזוואַדאָווערס געזאַנג־געיאָמער־נשמה, בפרט אַז קאַצענעלסאָן ווייטיקט דערהויפּט איבערן „עמך ישראל דוויים וסחופים ומדולדלים״...

שוין אין די אַמאָליקע יאָרן סיי אין זיינע דעקאַדענטישע דראַמעס סיי אין זיין עלעגישער ליריק האָט יצחק קאַצענעלסאָן דערהויפּט אויסגעזינגען דעם געפּרעסטן וועלט־אומעט. ער האָט געבלאָנדזשעט איבער דער וועלט אַן עלנטער און דורכגעלעכערטער און באַין אופן נישט געקאָנט מיט איר מושוה ווערן. האָט דאָך אַמאָל די יידישע יוגנט ברייט צעזונגען קאַצענעל־

סאַנס עלעגיע „די זון פאַרגייט אין פלאַמען", אין וועלכער ס'איז פאַראַן אַ שוואַרצזעערישע פעסטשטעלונג וועגן דער וועלטס שטענדיקער מרה שחורה: „אייביק איז דיין טרויער, אייביק איז דיין קלאַג"...

אַט־דער אַלטער טרויער און קלאַג זענען איצט אויף אַ נאַטירלעכן וועג קאַצענעלסאָנען קאַפּויר געקומען. נישט מער, יענער אומעט איז געווען אַ שטיל־געפּרעסטער, און דער היינטיקער איז אַ שרייאיק־צעפּאַכעטער. יענע לפי־ערך קורצע שורות האָט ער, ווי אַ יונג־צאַרטער דעקאַדענט, מסתמא געפּלאָכטן אין זיין שטילן בוידעם־שטיבל אין די בין־השמשותן עפּעס ווי לייכטע וועלט־שמערץ־שפּילערייען. די היינטיקע ברייטע שורות האָט ער ווי אַן אויפגעצאַרנטער מקונן ערב־טויט אין דער געשטיקטער בונקער־לופט אויסגעשפּיגן ווי צעשוימטע שטיקער בלוט.

דאָס „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" איז אַ נייע פייער־תוכחה. אַמאָל האָבן די הימלען אויסגעגאָסן אויף דער ערד וויסטע קללות; אַ מנהג איז געווען צו לייענען די תוכחה בנשימה אחת אָן איבעררייס און דערצו מיט אַ געדעמפּט קול, כמעט בלחש... היינט שליידערט די ערד ביטערע קללות דעם הימל. און אַזוי ווי די ריכטונג איז אַ פאַרקערטע, ווערן די ערדישע קללות אויסגעשריגן בלוטיק־הויך הגם מיטן זעלביקן לויף אָטעם אָן הפסקה.

געוויינלעך גלייבט מען, אַז „אינטער ארמא סילענט מוזע". אָבער אין דעם פאַל האָט זיך אָט־די רוימישע מימרא נישט באַשטעטיקט. נישט נאָר זיי שוויגן נישט, די מוזעס, נאָר זיי שרייען אויפרייסעריש לויט אַ ספּעציעלער טרעבלינקע־פּאַטאַלאָגיע, וואָס דאַרף זיין אַ נייער אָביעקט פאַר ספּעציעלע גיהנום־מעדיצין־פאַרשונגען.

אדרבא, זעט ווי אַזוי די הימלען האָבן אַמאָל געשאָלטן:

„... איך וועל אָנזעצן אויף אייך אַ בהלה און קדחת, וואָס מאַכן אויסגיין די אויגן און פאַרשמאַכטן די זעל. און וועט זייען אייער זאָמען אומנישט, וואָרום אייערע פיינט וועלן עס אויפעסן".

„... און וועל מאַכן אייער הימל אַזוי ווי אייזן, און אייער ערד ווי קופּער".

„... און איך וועל אָנשיקן אויף אייך די חיה פון פעלד, און זי וועט אייך באַרויבן פון קינדער — — און אייך פאַרמינערן; און אייערע וועגן וועלן פאַרוויסט ווערן".

„... און איר וועט עסן דאָס פלייש פון אייערע זין, און דאָס פלייש פון אייערע טעכטער וועט איר עסן" — — „און איך וועל

מאַכן פון אייערע שטעט אַ חורבן, און וועל פאַרוויסטן אייערע היילִיקטומען — —".

„... און די וואָס וועלן בלייבן פון אייך, וועל איך אַריינברענגען אַ שרעקעדיקייט אין אייער האַרצן, אין די לענדער פון אייער פיינט, און זיי וועט נאָכיאָגן דער שאָרך פון אַ געטריבענעם בלאַט און זיי וועלן לויפן ווי מען לויפט פון שווערד און פאַלן, ווען קיינער יאָגט ניט".

**ביז אַהער האָט די תוכחה פאַר אונדז געגאָלטן ווי אַ געאַנטע הויך פון דער אַבסאָלוטער פאַרשאָלטנקייט. מ'האָט אין די טריב־בילדערישע קללות איינגעזען אָריענטאַלישע איבערגעטריבנקייט, אַ מזרח־אויפגעבלאָזנקייט אינעם שילדערן די כל־ערליי אויסטערלישע מעגלעכקייטן פון בייזן אומקום. מ'האָט די תוכחה קיינמאָל נישט באַטראַכט רעאַל, וואָס קאָן בפועל ממש געשען אין דער ווירקלעכקייט. דאָס איז גיכער געווען אַ געדיכט־פינצטער אָפשרעק־בילד.**

**איצטער אָבער, נאָכן אָפּלויף פון טויזנטער יאָרן, איז די תוכחה אין דער פולער מאָס מקוים געוואָרן אין געטאָ. און ווייל זי איז אַזוי שוידערלעך פּינקטלעך מקוים געוואָרן, פאַרמעסט זיך דער געטאָ־דיכטער פראָמעטייאיש צו ביילן די פויסטן אַקעגן די אכזריותדיקע הימלען און הויך אויסשרייען זיינע קללות:**

ניט פאַרוואָלקנט האָט זיך אייער ביליקע די בלוי
און האָט ווי שטענדיק פאַלש געשעמערירט,
די זון אין רויטן ווי אַ תליון גרויזאַם
האָט אין שטענדיקן געקוילערט זיך אין קרייז,
די לבנה ווי אַן אַלטע הור, אַ זינדיקע אין די נעכט
אַרויס אויף איר שפּאַציר
און שטערן האָבן צוגעווינקן שמוציק, געפינקלט
מיט די אייגעלעך ווי מייז,

אַוועקט! איך וויל אויף אייך נישט קוקן, איך וויל ניט זען אייך,
ניט וויסן פון אייך מער,
אַ, הימלען פאַלשע, אַ גנאַרערישע, נידעריקע הימלען
אין דער הויך;
איר האָט זיך, הימלען, צוגעקוקט פון אויבן ווי מען האָט
די קינדער פון מיין פאָלק געפירט
איבער וואַסערן, אויף באַנען און צו פיס אין טעג
אין העלע און אין פינצטערע ניכט צום טויט.
מיליאָנען קינדער האָבן ביים דערהרגט ווערן הענט צו אייך

געהויבן — ס'האָט אייך נישט געריִרט,
מיליאָנען מאַמעס איידעלע און טאַטעס — ניט פאַרציטערט
האָט אויך אייך די בלויע הויט.

**דער דיכטער איז אַזוי פאַרכליניעט מיט אויפשוידער און ווייטיק, אַז ער זעט נישט די רעאַלע סיבות פון אונדזער בראָך: ער זוכט זיי נישט אַרום זיך. דאַקעגן זוכט ער דעם העכערן זינען פון אונדזער פאָלקס־קיום. אַ פאָלק האָט זיך במשך פון טויזנטער יאָרן איינגעוויגט מיט אַ זיסן חלום פון אַן עם סגולה, און דאָ בעתן גרעסטן נסיון האָבן די געפרייזטע הימלען שענד־לעך פאַראַטן. איז דער הימל טאַקע דעם בוראס געצעלט, אָדער גאָר אַ הייליקער שווינדל, וועלכער קאָסט אונדז שוין ימים בלוט. ביז אַהער פלעגט מען זאָגן, אַז די הימלען זענען פאַר גאָט און די ערד פאַרן מענטשן־קינד. איצט דאַרף מען בייטן די יוצ־רות — גאָטס אָרט איז אויף דער בלוטיקער ערד און דער מענטש דאַרף לויט זיין מאַרטירער־הייליקייט דערהויבן ווערן ביז צו די הימלען:**

איך האָב זיך צוגעקוקט... איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט,
הימלען! הימלען גאַרנישט! הימלען אויסגעוועבט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט! עפנט אויף די טויערן
איר הימלען, עפנט אויף זיי ברייט,
און לאָזט די קינדער אַלע פון מיין אויסגעהרגטן, פאַרפייניקטן
מיין פאָלק אַריין,
עפנט אויף זיי צו דער גרויסער הימלפאַרט, גאַנץ אַ פאָלק
געקרייציקט שווער און לייד
דאַרף אין אייך אַריין... אַ, יעדער איינער פון די קינדער מיינע
אומגעבראַכט, קען אַ גאָט זיי זיין!
אַ, הימלען אויסגעליידיקטע און וויסטע, הימלען ווי אַ מדבר
ווייט און וויסט, איך האָב
מיין איינציקן מיין גאָט אין אייך פאַרלוירן און זיי איז ווייניק
האָבן אין אייך דריי —
דער יידישער דער גאָט, זיין גייסט און דער גליל־ייד
פון זיי געהאַנגען איז זיי קנאַפּ,
זיי האָבן אַלע אונדז אין הימל אָפּגעשיקט —
אַ, עקלדיקע און געמיינע געטער דינעריי!

**און האַרט פאַרן טויט רייסט ער ענדגילטיק איבער מיטן הימלס „חסד" און פאַרשעלט אים אויף אייביק:**

פרייט זיך הימלען, פרייט זיך! איר זייט געווען אָרעם,
איצט זייט איר רייך,
אַ געבענטשטער אַזאַ שניט — גאַנץ, גאַנץ אַ פאָלק, אַזאַ
אַ גליק איז הימלען אייך באַשערט!
פרייט זיך הימלען אויבן, מיט די דייטשן, און די דייטשן אונטן
זאָלן פרייען זיך מיט אייך,
און זאָל אַ פייער פון דער ערד אויף אייך אַרויסגיין
און אַ פייער זאָל צעפלאַקערן פון אייך זיך אויף דער ערד.

איז צו זען, אַז מיר לעבן אין אַ גיפטיק קאַפּויערדיקער צייט, ווען רוצחים־טמאים באַהאַלטן זייער בלוט־אויסגעלאַסנקייט אונטער גאָטס נאָמען, וועלכן זיי האַלטן אין איין לויבן און פרייזן. אין די זעלביקע טעג הויכן קדושים אויס זייערע לויטערע נשמות מיט אַ קללה פאַר די הימלען. גאָט איז דורך קינען פאַרשטריקט געוואָרן אין אַ געפאַנגשאַפט־נעץ. ס׳איז דעריבער איצט נישט קיין צייט פאַר קידוש השם אָדער חילול השם נאָר פאַר — פדיון־השם. נישט דער מענטש נאָר גאָט דאַרף אויסגעלייזט ווערן.
איז יצחק קאַצענעלסאָן דער נייעסטער גלגול פון איובן? אַוודאַי איז ער אין זיין פאַרדאַמונג־צאָרן געגאַנגען ווייטער פון איובן. איובס צרות זענען נוגע אים פערזענלעך און זיין משפּחה. די אויפלייזונג פון זיינעליידן קאָנען קומען מיט דער אויפלייזונג פון זיין פערזענלעך לעבן. אַ דעזערציע פון לעבן איז פאַר אים די איינציקע ישועה. און ס׳איז פאַרשטענדלעך זיין געבעט: „נאַקעט בין איך ארויסגעגאַנגען פון מיין מוטערס לייב, און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין״. אַנדערש איז עס מיט אַ דיכטערישן שליח־ציבור פון אַ מיט פלאַמען געהייליקט פאָלק. דאָ קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן דעזערטירן. וואַרגט זיך טאַקע דער דיכטער מיטן אייגענעם און אַלגעמיינעם פיין און שיקט זיינע אַנגעגליטע קללות צום האַרצלאָזן הימל.
יצחק קאַצענעלסאָן איז אין דעם פּרט געווען דער דיכטערישער שטימונג־אויסדרוקער פון ציבור, וואָס האָט פאַר זיך געזען רק אונטערגאַנג; מ׳האָט געמיינט, אַז אָט־אָט פאַלט איין די וועלט. מ׳האָט פאַר זיך נישט געזען קיין שום אויסוועג און ממילא געווען איבערגעזען אינעם סוף פון דער וועלט, בפרט אינעם אומקום פון דער יידישער וועלט, וואָס צאַפּלט שוין אין גסיסה־קאָנוואולסיע.
אין די גאָר לעצטע מאָמענטן, ווען אַלץ איז שוין געווען געחתמעט מיטן ביטערן גזר־דין פון טויט, שטילט זיך ביי אים צו ביסלעך איין די פאַטעטישע היסטעריע — אינעם בעסטן

**באַטייט פון וואָרט — און ער באַקומט אַן ערב־מיתה־ליטער־קייט אין בילדערישן אויסבליק. ער ציט אונטער דעם וויסטן סך־הכל פון געשעענעם און צייכנט מיט רעזיגנאַציע־ליריק ס׳נאָענט־קינפטיקע מדבר־בילד:**

עס וועט אַ מאַמע ניט פאַרוויגן מער אַ קינד, מען וועט נישט
שטאַרבן שוין ביי יידן, און נישט געבוירן ווערן מער.
ניט געזונגען ווערן וועלן לידער האַרציקע פון יידישע
פון דיכטער, פון שרייבער גרויסע, שוין פאַרביי, פאַרביי!
און יידישע טעאַטערס וועלן מער ניט זיין שוין, מען וועט ניט
לאַכן דאָרט, ניט לאָזן שטיל אַ טרער.
און מוזיקער און מאַלער יידישע, באַרטשינסקים, זיי וועלן
מער אין פרייד און לייד ניט שאַפן, ניט זוכן וועגן נייע.
און מיינע קאַמוניסטן, היצקעפּ וועלן זיך ניט אַמפּערן
שוין מער, ניט קריגן זיך מיט מיינע מאַסן פון בונד,
אוןביידע זיי מיט מיינע פרייסטע, מיט די טרייסטע מיינע
וואָס האָבן גאַנץ דעם יאָך אויף זיך געשלעפּט —
חלוצים יידישע! זיי האָבן זיך דער וועלט אַוועקגעשאַנקען
און ניט פאַרלאָזן זי די אייגענע — די וואונד;
כ׳האָב צוגעקוקט זיך צו די קריגערייען און געוויינט...
נאָר וואָלט איר זיך ווייטער זיך אַרומגעריסן, אַבי איר
וואָלט געלעבט!

**לסוף באַקומט ער רחמנות אויף זיך אַליין, ער פאַרברעכט די הענט איבערן היינטיקן און מאָרגנדיקן קבר פון אַן אויס־געהרגעט פאָלק. איז עס אַ פאָלק, וואָס האָט געשפּאַנט איבער דער וועלט מיט אומערדישע טריט; זיין לעבן איז אַ פאַרכישופט מעשהלע, וואָס האָט איר מקור אין דעם דורכן חדר אויסגעוואַ־רעמט חומשל, אינעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט עמלק. און דאָס מעשהלע פאַרענדיקט זיך ביים סאַמע שוואַרצן גלגול פון אַלטן עמלק — דעם דייטש. האַרט פאַר יציאת נשמה קאָן ער זיך פונדעסטוועגן נישט איינהאַלטן און שיקט זיין לעצטע קללה:**

ווי מיר, ניטאָ קיינער שוין... געווען אַ פאָלק, געווען
און שוין ניטאָ! געווען אַ פאָלק, געווען און שוין, שוין אויס!
אַ מעשהלע אַזאַ, עס הייבט פון חומשל זיך אָן און ביז יעצט...
אַ מעשהלע גאָר טרויעריק, ווער זאָגט, אַז שוין?
אַ מעשה פון עמלקן און ביז אַן ערגערן פון אים, דעם דייטש...
אַ, הימל ברייט, אַ, ברייט די ערד, אַ, ימים גרויס...
ניט האַלט צוזאַמען אין איין קנויל זיך און ניט פאַרניכט
די שלעכטע אויף דער ערד, זאָלן זיי פאַרניכטן זיך אַליין!

די פירגעבראַכטע שאַפונגען שטעלן וויזועל צונויף אַן איינציקאַרטיקן „ספּעקטאַקל" פון וועלכן די וועלט־ליטעראַטור ווייסט נאָכנישט ביז איצט. דער נייעסטער גלגול פון אונדזער ליטעראַטור איז דער איינציקער וועגן וועלכן מ'קאָן זאָגן אַן מליצה, אַז זיינע ווערק זענען נישט געשריבן געוואָרן מיט קיין טינט, נאָר ממש מיט בלוט.

וועגן געניאַלן אַנטפּלעקער פון רוסישן גייסט פיאָדאָר דאָס־טאָיעווסקי דערציילט זיך, אַז אים איז באַשערט געווען בעת אַ קאָנקנדיקן פראָסט צו שטיין האַלב־נאַקעט מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ אויפן סעמיאָנאָוו־פּלאַץ אין דער אַלטער רוסישער מוטער שטאָט מאָסקווע מיט ציטער און אַנגסט הערן פאַרלייענען דעם טויט־אורטייל אויף זיך גופא, וואָס איז געקומען ווי אַ שטראָף פאַר זיינע, דאָסטאָיעווסקיס, סאָציאַליסטישע „פאַרברעכנס". אין אַ קורצע ווײַלע נאָכדעם איז דער טויט־אורטייל פּלוצים פאַרביטן געוואָרן אויף קאַטאָרגע. ער האָט זיך „על פי נס" אַרויסגעגליטשט פון מלאך המותעס נעגל.

די ענדערונג פון אורטייל האָט אָבער נישט באַוויזן איינ־צושטילן דאָסטאָיעווסקיס פּסיכישע פאַר־תליה־קראַמפּן: די טויט־וויזיע האָט זיך שוין מיט אים באַהאַפטן אויף שטענדיק, זי איז אין אים אַריין ווי אַ וואַנזין־פיבער, וואָס האָט פון אים שפּעטער „אַרויסגעוואָרפן" ווי שטיקער פייער — גרויסע התג־לות־ווערק, וואָס זענען נישט נאָר די אויפטרייסלנדיקסטע אין דער רוסישער ליטעראַטור, נאָר בילדן אויך אַ באַדייטנדיקע פּאָזיציע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דער היינטיקער דור יידישע שרייבער, דערהויפּט געטאָ־און לאַגער־שרייבער, איז גאַנץ־נאַקעט מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ גע־שטאַנען פאַר די תליות און קאַלכאויוונס, געצאַפּלט מיט פאַר־אַנונג פון חבלי מיתה, מיט אייגענע אויגן געזען ווי מ'ברענט מאַסנהאַפטיק אייגענע ברידער. אַ גרויסע צאָל שרייבער איז פאַרצערט געוואָרן פון די פלאַמען, אַ קליינער טייל האָט פאַרן טויט איבערגעלאָזט שריפטן און געציילטע זענען „על פי נס" אַנטרונען פון די תליינימס נעגל. זיי האָבן אַלע געגלייבט, אַז אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן צו לעבן אין א הינטישן דור, ווען די קדושה ווערט פאַרשלונגען פון דער טומאה. זיי זענען ביי זיך געווען איבערגעזען, אַז די סדום־־וועלט האָט זיך אָפּ־געריסן פונעם נאָפּל פון וועלכן ס'איז מאַראַלישן באָדן.

אָבער סיי פון די ווערק, וואָס זענען פאַרבליבן פון די אומ־געקומענע, און סיי פון די ווערק, וואָס די ניצול־געוואָרענע פאַרעפנטלעכן איצט איז צו זען, אַז די טויט־וויזיע איז אין זיי אַריין ווי אַ געשפּענסט, וואָס האַלט זיי אין איין וואַרגן. אפילו

פון דער סאַמער געלאַסנסטער דערציילונג אָדער באַהערשט ליד שטראָמט אַ טויט־אַצילות. שרייבער ווי פּאָלקס־אויסדערוויילטע האָבן אינטים דורכגעלעבט דעם אייגענעם טויט־שוידער און אויך די קידוש־השם גרייטקייט פון דער גאַנצער אומה. אַ טייל איז געגאַנגען צו די קאַלכאויוונס מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל און אַ טייל ווידער מיט געביילטע פויסטן. אַזעלכע מיט ערב־מיתה אָנגעלאָדענע שפּאַנונגען זענען מסוגל „אַרויס־צוּוואַרפן" פלאַמיקע ווערק, וואָס זאָלן צעצינדן די אומגע־וואַשענע וועלט.

אָבער מיט דער האַנט אויפן האַרצן: צי איז די קוואַליטאַ־טיווע גרויס פון די באַהאַנדלטע לידער, פּאָעמעס און דער־ציילונגען אין דער אַנטשפּרעכנדיקער פּראָפּאָרץ צו דער גרויס פון אונדזער פּסיכישער אויפטרייסלונג? אויף דעם קאָן מען מיט אַ ריין געוויסן ענטפערן: ניין. זייער פאַרנעם איז ווייט־ווייט נישט לפי ערכדיק צו דער גרויס פון אונדזער בראָך. און דאָס איז אַוודאַי נישט דערפאַר, ווייל די ציטירטע דיכטער און פּראָ־זאַאיקער זאָלן חלילה נישט האָבן קיין גענוג טאַלאַנט, אָדער זייערע ווערק זאָלן נישט זיין גענוג רייף. נאָר פּשוט דערפאַר וואָס דער מזבח פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן איז צו גרויס לגבי די בלוט־„בכורים", וואָס אונדזער דור שרייבער, איז מסוגל צו ברענגען. ס׳מוזן נאָך אַדורכגיין דורות ביז די פּראַזע־אויפגעשוימטקייט וועט זיך ביי זייערע יורשים אָפּזעצן, ביז אונדזער היסטערי־שער אומרו וועט ביים מאָרגנדיקן אָדער איבערמאָרגנדיקן קינסטלער אַרויס פון פריידיגעריש־זאָגערישן גדר און וועט זיין מסוגל אַריינצוטרעטן אין די טיף־שעפערישע רעגיאָנען. דע־מאָלט וועט די יידישע דיכטונג צומאָל זיין בכוח אַרויסצוברענ־גען איבערצייגנדיקע בילדער, ריינע, אומגעפּעלשטע, מיט ווייַ־טיק אָנגעזאַפּטע קלאַנגען, וואָס וועלן מיט זייער עכטער צאַרט־קייט און מוזיקאַלישער ריטמיק באַווייזן אויפצורייסן די באַ־שפּינוועבטע וועלט.



ווענן אַלע ענינים אין שייכות צו ע. ס. ביבליאָטעק
שרייבט אויף דעם פאָלגנדיקן אַדרעס:

Gershon Pomerantz
206 Spadina Avenue
Toronto (2B), Canada

גרשון פּאָמעראַנץ
עסיי־ביבליאָטעק
ערשטער עסיי דערשינען:
„יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג"
פון ב. ריווקין
צוויי און זיבעציק זייטן
צווייטער עסיי :
„פּדיון־השם"
פון לעאָ פינקלשטיין
הונדערט און אַכט זייטן

LEO FINKELSTEIN
*Pidion Ashem*
ESSAY

*Published by*
GERSHON POMERANTZ
September, 1948

**One Hundred and Eight Pages**

Printed in Canada by The

Pomer
**Publishing & Printing Co.**
GERSHON POMERANTZ, Proprietor
206 Spadina Avenue, Toronto 2B, Ontario, Canada
36